№ 9 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. | פינפטער יאהרגאנג. | פרייז 20 גראשען | „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
ערשטע אלעע 6. טעלעפאן 201.

אבאנאמענטס-פרייז
א נומער 20 גראשען.
אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Częstochowa, Aleja 6. telefon 201.

אנאנסען-פרייז:
פאר א מילימעטער שורה
פאר'ן טעקסט 24 גראשען נאכ'ן טעקסט 18 גראשען.
אין טעקסט 60 גראשען.
פאר'ן אינהאלט פון די אנאנסען איז די רעד. נישט פעראנטווארטליך.

Piątek, dnia 26 Lutego 1926 | ליכט-צינדען 4 מיט 57 | פרייטאג, פ' תוצה י"ב אדר תרפ"ו.

דער היינטיגער נומער אנטהאלט 6 זייטען.

אויפרוף
צו דער יודישער בעפעלקערונג אין טשענסטאכאוו.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אלגעמיינעם ווירטשאפטליכען קריזיס און דער שרעקליכער פעראָרימקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג נויטיגען זיך יעצט די יודישע גימנאזיעס און מאטעריעלער הילף.

די נארמאלע אנפיהרונג פון די דאזיגע איינציגע אין אונזער שטאדט יודיש-געזעלשאפטליכע ערציהונגס-אנשטאלטען איז שטארק אין געפאהר.

די וויטערדיגע עגזיסטענץ פון די גימנאזיעס איז אבהענגיג בלויז פון דער גיכער און ערפאלגרייכער מיטהילף פון דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג.

די פערוואלטונג פון די יודישע גימנאזיעס ווענדעט זיך מיט א וואַרימען אויפרוף צו דער אָרטיגער יודישער בעפעלקערונג וועגען א מאטעריעלער הילף פאר די דאזיגע אינסטיטוציעס אום נישט צו דערלאזען, אז עס זאלען אויפהערען צו עגזיסטירען אזאלכע וויכטיגע יודיש-קולטורעלע אנשטאלטען, וועלכע זענען מיט יאהרען צוריק אויפגעבויט געווארען דורך גרויסער מיה פון אפפערוויליגע פערזאנען און ווערט יעצט אנגעפיהרט דורך פארשטעהער פון אלע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

מיר רופען אייך דעריבער אויף, מאסענווייז זיך צו פערשרייבען אלס מיטגלידער פון אונזערע גימנאזיעס און רעגעלמעסיג איינצאהלען דעם מיטגלידס-ביטראג לטובת אונזער אינסטיטוציע.

זאלען אלע יודען, וועמען די אויסבילדונג און ערציהונג פון דער יודישער יוגענד איז טייער זיך אברופען אויף אונזער רוף און מיט געהעריגער אנשטרענגונג מיטהעלפען ראטעווען אונזערע בעדראהטע בילדונגס-אנשטאלטען.

די פערוואלטונג פון דער **געזעלש. פון יודישע מיטעלשולען** אין טשענסטאכאוו:

שמואל גאלדשטיין, פרעזעס.

ד"ר ל. באטאחיא	ח. וועקסלער	ד"ר סטעפאן קאן
ב. באטשאן	ד. ש. זאנדבערג	מ. קאנארסקי אדוואקאט
ד. בוגייער	י. מ. זילבערבערג	ל. קאפינסקי
י. בלאטט, דירעקטאר פון מענער-גימנאזיום	ד"ר י. ליפינסקי	ל. קארנגאלד אינזשיניער
וו. גאסטינסקי	י. לעווענהאף	י. קראק
י. גליקסאן אדוואקאט	ש. לעוקאוויטש אינזשיניער	ש. ראדאל
נ. גריכטער	ר. מארקאוויטש	ד"ר ג. ראשבוים, דירעקטאר פון פרויען-גימנאזיום
ח. דאווידאוויטש	ק. מארקוספעלד	
י. העלמאן אינזשיניער	סט. פרושיצקי	ד. שווארץ
א. ווארשאווסקי	ג. פרעגער	י. שלעזינגער
מ. וויען	נ. קאהן	פ. שפירא
ה. וויערניק		

ליטעראריש-מוזיקאלישע געזעלשאפט „לירא", טשענסטאכאוו.

שבת, ד. 27 פעברואר האלב 9 אוועגד קומט פאר אין זאל פון די פייערלעשער

דער ערשטער פייערליכער קאנצערט

פון קלאסישע מוזיק און פאלקסליד ביים אנטייל פינ'ם גאנצען קאמפלעט פון כאר.

אלס סאליסטען וועלען ארויסטרעטען פר"ל: האלינא גאלדבלום, ערליך, בארנשטיין, און ה"ה: עדעליסט, שמיד און גראבינער.

דיריגענט: **ש. זאקס.** בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע. ביים קלאוויר: **האלינא גאלדבלום.**

ציוניסטישע ארבייטס-פארטיי „התאחדות" אין טשענסטאכאוו.

זונטאג, (פורים) דעם 28 ד. ח. אין זאל פון דער עוואנגעלישער יוגענד אלעע 14

האלב 11 פריה
א פאהן - פייערונג
פון אונזער יוגענד-ארגאניזאציע „גורדוניה"
מיט דער בעטייליגונג פון ח"ח: ד"ר טערלא פון ווארשא און פראפ. ש. ריגער פון לאדז.

9 אווענד
א גראנדיעזער באנקעט
פאר מיטגלידער און געסט.
פון 12 אווענד טענץ. --- ערשטקלאסיגע ארקעסטער מיט דושען-בענד אונטער דער לייטונג פון ה"ה: שמולעוויטש—ווידמאן.

דער רעטונגס-קאמיטעט פון דער יודישער גמינע

פאדערט אויף די היגע יודען וועלכע האבען נאכנישט אריינגעטראגען דעם פיש-אבצאהל, וואס איז ארויפגעלעגט געווארען אויף דער היגער יודישער בעפעלקערונג לטובת די הונגעריגע און נויטליידענדע אין אונזער שטאדט, אז זיי זאלען זיך נישט אייסשליסען פון כלל-ישראל און זאלען זאפארט איינצאהלען אין דער גמינע-קאסע דעם דאזיגען אבצאהל וועלכען

דער גרעסטער טייל פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג האט שוין איינגעצאהלט, און וועלכער דינט אלס יסוד פון דער אונטערגענומענער רעטונגס-אקציע.

בעצאהלען קען יעדער אין דער גמינע-קאנצעלאריע, וואו ער בעקומט ארויס א געהעריגע קוויטונג.

לעזט אויפמערקזאם!

דאס פון 1877 י. עגזיסטירענדע

וואורשט-געשעפט
פון **ש. ג. קויפמאן** ערשטע אלעע 9

— עמפפעהלט —

אלע סארטען **וואורשט** און **אויפשניט** פון די בעסטע קוואליטעטען פלייש, יעדען טאג פריש, צו מעסיגע פרייזען.

בעמערקונג: צוליעב דער גרויסער נויט פון ווינזערע בכבוד'ע ברידער וואס שרייען וועגען הילף האב איך בעשלאסען פון היינט ביז פסח הבע"ל ארעבצונעבען פון ריינעם פערדינסט 10 פראצ. פאר „בית לחם" און 5 פראצ. פאר דער רעטונגס-אקציע ביי דער יודישער גמינע.

בעקאנטמאכונג.

דערמיט בין איך מודיע, אז מיט'ן היינטיגען טאג איז מיין טוך-געשעפט איבערטראגען געווארען פון פילסודסקי 13 אויף

1 אלעע 1, פראנט, 1 שטאק

ביי יעקב יוסף צימערמאן,

וואו איך עמפפעהל אלערארט גאבארדינען, קרעפען פאר סמאקינגער, קאמגארן, באסטאנען און אנדערע מאדערנע סחורות.

מיט אכטונג
F. TENENBAUM
I-a Aleja № 1.

פרייזען שטארק ערמעסיגט | אלעע 1

14 „בלאוואט". 14

דערמיט מאך איך בעקאנט די ג' קונדשאפט דאס אויף דעם יעצטיגען סעזאן איז מיין מאנופאקטור-געשעפט פערזעהען מיט א גרויסען אויסוואהל פון די **בעסטע קאסטיומען** און קליידער-**שטאפען** און אלע אנדערע וואלענע סחורות. די מאדערנסטע **זיידענס** אויף מאנטלען און קליידער.

א שטענדיגער אויסוואהל פון פערשידענע וויים-ווארען.

אלעס צו די בילליגסטע קאנקורענץ-פרייזען. קומט און איבערצייגט אייך.

מיט אכטונג
„בלאוואט" אינהאבער **מ. ווייסקאפף**
ערשטע אלעע 14.

מצה-מיהלען

נייעסטע סיסטעם, מאשינען פאר בעקריי, קאנדיטאריי, פאר ציקערלעך און שאקאלאד-פאבריקען ליפערט צו קאנקורענץ-פרייזען די מאשינען-פאבריק פון

L. TWARDOWICZ, ŁÓDŹ.

פליטען (אויפלענדישע) פאר בעקער שטענדיג אויף לאגער.

פערטרעטער פאר טשענסטאכאוו און אומגעגענד

J. SZWARCBAUM, Częstochowa, Krakowska № 6.

יודישער ספארט און טורן-פעראיין.

מארגען, שבת, ד. 27 ד. ח: קומט פאר אין איי-גענעם לאקאל, אגראדאווא 22

א גרויסער

פורים-דאנסינג.

פיעל אטראקציעס. טענץ ביז טאג.

ס'ווערטען געזוכט קוואליפיצירטע נייטארינס צו וועש.

ערקונדיגען אין אדמיניסטראציע פאר S

די אלע, וואס האבען אנטיילגענומען אינ'ם אבגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער געליעבטען מאן און פאטער

ר' אלכסנדר זיסקינד ראזענטאל ז"ל

בעזונדער דעם געעהרטען רב פאר זיין הספד אין דער שוהל. דעם גמינע-פרעזעס ה' גאלדשטיין פאר זיינע ווארימע הערצער אויפ'ן בית-עלמין, דעם קאנטאר ה' פישעל, די כאר פון דער נייער און אלטער שוהל, דעם פעלדשער ה' מייבנער פאר זיין גוטע בעהאנדלונג און בעזונדער די גבאים פון דער אלטער שוהל דריקען אויס זייער איניגסטען דאנק, די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זוהן, טעכטער און איידעם.

מיט טרויער זענען מיר מודיע וועגען דעם טויט פון אונזער לאנג-יעהריגען שליח-ציבור — דער חזן

ר' אלכסנדר זיסקינד ראזענטאהל ז"ל

וועלכער האט 33 יאהר פערנומען דעם אמט אין אונזער שוהל און האט זיין עבודת-הקודש ערפולט באמונה, און מיר דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפוהל דער פאמיליע. המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

די גבאים און מתפללים פון דער אלטער שוהל.

אנו מביעים בזה את צערנו על מות הש"ץ דמתא האיש תישר באדם

ר' אלכסנדר זיסקינד רוזנטאהל ז"ל

ששמש במשרת ש"ץ בבית הכנסת הישן שלשים ושלש שנים ועסק במלאכתו באמונה; ושחל"ח בשנת הע"ו לימי חיו, ביום ג' פ' תצוה, ט' אדר, תרפ"ו.

ומשתתפים אנו בצערם של משפחתו.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

הועד ומועצת הקהלה העברית בצ'ענסטוחוב.

העלפט!

נאך אפאַניגע זיצונגען און בערא-טונגען איז ענדליך געשאפען געווארען און אונזער שטאָדט א רעטונגס-קאמי-טעט וועלכער זאָל אדורכפיהרען א ברייטע רעטונגס-אקציע פאר די הונגעריגע און נויטלײַדענדע יודען.

א גאנצע רײַהע זיצונגען און בערא-טונגען זענען אָבגעהאלטען געווארען, פיעל שפּה'ן איז מען געווען און געטראפען, פיעל פלענער האט מען אָבגעווארפען אדער אנגענומען, ביז מען איז ענדליך געקומען צום בעשלוס אזא קאמיטעט צו שאפען, און מיט דער גרעסטער ענערגיע צוטרעטען צו דער ארבײַט.

פארוואס האט אזוי לאנג געדויערט ביז דער קאמיטעט איז געשאפען גע-ווארען?

ווײַל מען ווייס ווי שווער עס איז הײַנט צוטאָג ברייטע אקציע אדורכצו-פיהרען, ווײַל ס'איז יעדען גוט בע-קאנט די עלענדע לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג, ווײַל מען האט געוואוסט אין אבט ווי שווער עס איז הײַנט צו נעמען בײַ א יוד געלד, און נאך דערצו אזעלכע גרויסע בעדײַטענ-דע סומעס וועלכע די רעזשע אקציע דארף און מוז האבען.

מען איז אבער געקומען צום בע-שלוס, צו דעם בעשלוס וועלכער קען נישט געענדערט ווערען, אז א רע-טונגס-אקציע מוז געשאפען ווערען, און די טשענסטאכאווער יודען מוזען זי מיט זייער גאנצען אחריות און פער-אנטווארטליכקײַט אונטערשטיצען און פיהרען צום געהעריגען ערפאלג.

וואָרום ווי קריטיש די אלגעמײַנע לאגע פון דער יודישער בעפעלקערונג זאל נישט זײַן, טאר זיך טשענסטאכאו נישט אונטערשײַדען פון אלע אנדערע יודישע קהלות אין פוילען וועלכע העלפען און אלע מעגליכקײַטען צו העלפען זייערע ברודער און שוועס-טער, דורך די רעטונגס - קאמיטעטען וואס ווערען איבעראל געשאפען.

און די רעטונג טאר נישט זײַן קליי-נליך, מען טאר זיך נישט בעגניגען לאָ-זען מיט קלײַנע אומבעדײַטענדע אונ-טערנעהמונגען, נאר דאס מוז זײַן א אקציע אין איהר גאנצען אומפאנג אין דעם גרעסטען מאסשטאב, און דא-ריבער האט מען זיך נישט בעגניגען געלאזט מיט דעם וואס די קהלה-פער-וואלטונג האט ביז איצט אנגענומען געהיסע קלײַנע אקציעס, נאר דער קהלה - ראט און די פערוואלטונג אין זייער גאנצען צוזאמענשטעל האבען זיך געשטעלט צו דער ארבײַט און עס וועלען אנגענומען ווערען פערשידענע מיטלען, פערשידענע פארמען ווי אזוי די נויטיגע סומעס צו שאפען, און עס וועט אײַנגעגוסט ווערען די גאנצע ענערגיע און איבערגעגעבענהײַט אז די רעטונגס - אקציע זאל ברענגען דאס וואס זי מוז און דארף ברענגען.

איצט בלײַבט איבער נאר צו דער-מאנען די היגע יודען אין זייער פליכט.

איצט איז דער חוב פון די היגע יודען, פון אלע יודען צו זייער שטאַנד, קלאס, און ריכטונג מיטצוהעלפען און גרינגער צו מאכען די ארבײַט פון דעם קאמיטעט, זיי מוזען געדענקען אז דאס איז זייער חוב, דער יודישער און מענשליכער חוב, וואס זיי זענען שולדיג זייערע ארימע הונגעריגע און נויטלײַדענדע שוועסטער און ברודער, און דעם דאזיגען חוב מוז דאס יודי-שע טשענסטאכאו אומבעדינגט בעצאָה-לען אויב זי וויל נישט בלײַבען באנק-רעט, און אויב זי וויל בלײַבען בײַ איהר רוהם און גלאנץ. י. פ.

פון דער וואָך.

— דאס אינערן-מיניסטעריום האט צוגעשיקט א צירקולאר צו אלע וואָ-יעוואדעס אז אין יאהר 1926 וועט יעדע קאמונאלע מאכט פאדערן פון די שטאָדטישע בעלי - בתים א צו-שלאג-שטײַער אין דער הויך פון 25 פראצ. צו דעם מלוכה - שטײַער פון אומבעוועגליכע גיטער, און די שטאָ-דטישע געמײַנדעס וועלכע פיהרען אדורך בײַ זיך עפענטליכע ארבײַטען, ווי קאנאליזאציע, וואסערלײַטונג און אנ-דערע אינוועסטיציעס בײַ וועלכע עס וועלען בעשעפטיגט די ארבײַטסלאָזע, וועלען האבען דאס רעכט צו העכערן דעם פראצענט ביז 50.

— צוליעב דער קאמפליצירטער לאגע וואס האט זיך געשאפען ארום דער פראגע פון א שטענדיגען פלאץ פאר פוילען אין ראט פון פעלקער-בונד, פאהרט דער פרעמיער סקושינ-סקי ארויס קײַן פאריז שוין אין אנ-הויב חודש מערץ וואו ער וועט אב-האלטען רעצידירענדע זיצונגען מיט די פרעמיערען פון ענגלאנד און פראנ-קרײַך, אויך וועט ער פאהרען קײַן זשענעוו, ווי מען פערזיכערט פון קרײַזען וואס שטעהען נאהענט צום פרעמיער, איז די פראגע וועגען א שטענדיגען פלאץ פאר פוילען אין ראט נאכנישט האפענונגס-לאָז ווי עס ווײַזען די פרע-סע-ידיעות.

— אין די מאסגעבענדע קרײַזען ווערען געפיהרט אונטערהאנדלונגען וועגען א הלואה פאר דעם אויפבוי פון די פוילישע שטעדט, אזא הלואה איז פארגעלעגט געווארען פון א גרוי-סער ענגלישער באנקיערען - גרופע אין דער גרויס פון 10 מיליאן דאלאר אויף זעהר גינסטיגע בעדינגונגען. פאר דעם פאדערען זײַ אבער א קאנצעסיע צו האקען די פוילישע מלוכה-וועלדער אין א גרעסערער מאס ווי דאס איז פארגעשריבען. א אמע-ריקאנישע געזעלשאפט וויל אויך גע-בען די דאזיגע הלואה, זי שטעלט אבער ארויס פיעל שווערערע בעדינ-גונגען ווי די ענגלישע און האט דא-ריבער נישט קײַן אויסזיכטען אויף ערפאלג.

— די אויספיהרונגס - תקנות וועגען רעגולירען די פרײַזען פון די ארטיק-לען פון ערשטען געברויך האבען ארויסגערופען זעהר א גרויסע אונצו-פרידענהײַט אין אלע ווירטשאפטליכע קרײַזען, וועלכע פאדערען דורכאויס אבצושאפען דעם פונקט וואס גיט דאס רעכט די מאגיסטראטען און סטאַ-ראָסטוועס פעסטצושטעלען די פרײַזען. — די פערשידענע ארגאניזאציעס ווײַזען אן אין זייערע מעמאריאלען אז דער אינהאלט פון די תקנות צ'ם אוסטאוו איז זיך סותר מיט'ן אוסטאוו אלײַן, און עס ווערט געפאדערט אז די רע-גירונג זאל אויך ווײַטער, אזוי ווי ביז איצט, ערלויבען די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס אלײַן צו רעגולירען די פרײַזען אויף ארטיקלען פון'ם ער-שטען געברויך.

— פון ווארשא ווערט געמעלדעט אז עס ווערען שוין געמאכט אלע פארבערײַטונגען צו רופען צו אקטיווע מיליטער - דינסט די איבערגעבליבענע פאזאזשירען פון יאהרגאנג 1904 וואס זענען פערגעלעגט געווארען צו דער צײַטשער „מוי" וועלכע וועלען גערופען ווערען צום דינסט אין דער צײַט צווישען 27 מערץ און 8 אפריל.

— פון זיכערע קוועלען ווערט מיט-געטײַלט אז די רעגירונג פראיעקטירט אײַנצולאַדען פוילישע און אויך אויס-לענדישע עקספערטען אין דעם באהן-מיניסטעריום און אין די וויכטיגסטע מלוכה - אונטערנעהמונגען, די דאזיגע עקספערטען וועלען האבען א קאנ-טראָל איבער די ווירטשאפטליכע אינ-סטיטוציעס און צוגרײַטען די ענט-שפרעכענדע פראיעקטען פאר דער רעגירונג און פאר'ן סיים, דערמיט וועט די רעגירונג קודם - כל שאפען צוטרוי אין אויסלאנד צום ווירטשאפ-טליכען לעבען אין פוילען, און בעקו-מען א הלואה וועלכע וועט מעגליך פערנוצט ווערען צו דעם ריכטיגען צוועק.

וואס הערט זיך אין דער יודישער וועלט?

— אויף א זיצונג פון מיניסטערען-ראט איז בעטראכט געווארען די בע-ציהונג פון דער רעגירונג צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און אלע איהרע אינסטיטוציעס, און די מינדער-הייטס - סעקציע האט פעסטגעשטעלט אז די פוילישע רעגירונג בעציהט זיך גינסטיג צו דער שטרעבונג פון א יודישע נאציאנאלע היים אין פאלעס-טינא, און פערזיכערט איהר אונטער-שטיצונג פון די דאזיגע שטרעבונגען אויפ'ן אינטערנאציאנאלען און פוילי-שען בּאָדען, דעריבער מאכט די רע-גירונג אויך נישט קײַן שוועריגקײַטען דער ארגאניזאציע אין איהר עמיגראצ-יע-טעטיגקײַט און אלע זאמעל-אקציעס. וועגען לעגאליזירען די ציוניסטישע ארגאניזאציע איז בעשלאסען געווארען אז אלס פאליטישע פארטײַ דארף זי נישט לעגאליזירט ווערען, דאגעגען די ציוניסטישע אינסטיטוציעס וועלען לעגאליזירט ווערען.

— פון ירושלים איז מען מודיע, אז די ענגלישע רעגירונג האט בדעה אין חודש מערץ צו פראקלאמירען דעם געביעט פון עבר - הירדן אלס פראווינץ פון ארץ-ישראל.

— אין ווארשא וועלט איצט דער וועלט - בעריהמטער סקולפטור פראָפ. חנוך גליצענשטײַן, וועלכער איז גע-בוירען אין פוילען אין שטעדטיל טו-רעק, קאלישער קרײַז, בײַ חסידישע עלטערן, און איצט איז ער אײַנער פון די גרעסטע וועלט - קינסטלער, און גלײַכצײַטיג א רעליגיעזער טראדיציא-נעלער יוד.

— לויט די לעצטע אפיציעלע ציפערן בעטרעפט די צאהל פון די יו-דישע מיטגלידער אין די פראפעסיאָ-נעלע פערבאַנדען אין רוסלאנד דרײַ הונדערט טויזענד, פון זײַ זענען הונ-דערט צוואנציג טויזענד ארבײַטער, און הונדערט אכציג טויזענד אנגע-שטעלטע, אין 33 פערבאַנדען ווערט די ארבײַט אינגאנצען געפיהרט אויף יודיש, אין א גרויסען טײַל — אין יודיש מיט רוסיש, און בלויז אין גע-צעהלטע פערבאַנדען — בלויז אין דער רוסישער שפּראַך.

— אויף דער לעצטער זיצונג פון דער סיים - בודזשעט - קאמיסיע האט דעפּ. ראזמארין אַרײַנגעטראגען אין נאמען פון יודישען „קאלא" א ערקלע-רונג אז צוליעב דעם וואס דער פי-נאנץ-מיניסטער האט געהאט פריהער ערקלערט אז די מאקסימאלע בודזשעט אויסגאבען וועלען בעטרעפען העכ-סטענס אנדערהאלבען מיליארד זלאָ-טיס, און איצט האט ער זיי פערגרע-סערט ביז אײַן מיליארד מיט 700 טויזענד מיליאן, און בעזונדער איז די ערשטע סומע אויך צו גרויס פאר דער איצטיגער שווערער צײַט און די שוואַ-כע צאהלונגס-פעהיגקײַט פון'ם שטײַ-ער-צאהלער, קען דאס יודישע „קאלא" וואס געהער נישט צו דער קאאליציע-רעגירונג, נישט טראגען אויף זיך די פעראנטווארטליכקײַט פאר די בעלי-בתישקײַט פון דער איצטיגער קאא-ליציע-רעגירונג און וועט בעקעמפען דעם בודזשעט אין זײַן איצטיגער פארם וואס איז שעדליך פאר דער מלוכה, און איז עלול צו רואינירען דאס לאנד.

לפסח
צערעס
שפּייז - פעט
מערט צו די פסח-ימים-טובים אלעמאל צום
קאכען
באקען
בראטען
עמפּפעהלט.
מען פערלאנגט אויסדריקליך „צערעס" מיט דער פסח-חתימה און ווײַסע פינגערעטיקעטע
אונבעקאנטע פעטען גיט מען צוריק.
„SATURNIA" S. A, Warszawa.

פון דער וועלט.

ריזיגע מאטאָר-שליטענס פאר א רייזע צום צפון-פאל.

די פראנצויזישע עקספעדיציע, וועלכע פלאנט צו מאכען דעם קומענדיגען ווינטער א רייזע צום צפון פאל, פאבריצירט איצט זעקס ריזיגע מאָ-טאָר-שליטענס, וועלכע וועלען קענען זיך גליטשען אויפ'ן וואסער אזוי גוט ווי אויפ'ן אײַז.

יעדער מאטאר-שליטען וועט האבען 10 טאָן, און וועט טראגען אויף זיך עראפלאנען. די שליטענס וועלען לויפען זעהר גיך נישט נאר איבער'ן אײַז, נאר אויך איבער די וואסערען פון ים, און וועלען קענען אריבערגליטשען זיך פון וואסער אויפ'ן אײַז און פון אײַז אויפ'ן וואסער, אהן שום געפאהר.

די שליטענס וועלען זײַן אויך בעזארגט מיט ראדיא, אזוי אז אין פאל פון א נויטווענדיג-קײַט וועט מען קענען גלײַך מודיע זײַן דער וועלט וואס מיט דער עקספעדיציע קומט פאר, וואו זי געפינט זיך און אין וואס פאר א הילף זי נויטיגט זיך.

די פראנצויזישע פארשער גלויבען אז אויב די ארבײַט פון דעם נײַעם טיפּ שליטענס זאל זיך אײַנגעבען, וועט די עקספעדיציע דערגרײַ-כען ווײַטער צום צפון-פאל.

עס פערשטעהט זיך אז די שליטענ'ס וועלען אײַניגע מאל אויספראבירט ווערען, איידער די עקספעדיציע וועט זיך לאזען אין וועג ארײַן. די מאטארען פון די שליטענס וועלען ארבײַ-טען מיט דער קראפט פון בענזאָל.

מען וועט קאנען „אויסארבײַ-טען" קינסטל. מענשען.

די געלעהרטע מאטערן זיך שוין גאנץ לאנג איבער דעם סוד פון מענשליכען לעבען און איבער דער ענטשטעהונג פון מענש. ביז איצט אבער האבען אלע בעמיהונגען פון די גרעסטע נאטור-פארשער, צו שאפען א „קינסטליכען מענש", א שווי גערופענעם „הומונקולוס", זיך אויסגעלאזט מיט נארוניש. דעם מענ-שענס מוח האט זיך ארויסגעוויזען הילפלאָז, צו-בעגרעניצט צו בעגרײַפען דעם סוד פונ'ם מענשענ'ס ענטשטעהונג. דאס האט אבער נישט אבגעהאלטען די געלעהרטע פון צו מאכען אלץ ווײַטערע עקספערימענטען, כדי ארויס-צוגרײַפען דעם שלייער פון דער דאזיגער געהײַמניש.

ווי מען טעלעגראפירט פון וואשינגטאן, איז איצט דעם געלעהרטען און נאטור - פארשער פון דארטיגען אוניווערזיטעט ד"ר דאוגאל, גע-לונגען צו ערפינדען א קינסטליכען ווייסען, פון וועלכען מען וועט, לויט זײַן מיינונג, זײַן ביכולת ארויסצוציהען א קינסטליכע לעבען און אויך צו שאפען אויף א קינסטליכען אופן א לעבעדיגען מענש. ד"ר דאוגאל וועט וועגען דעם רעזולטאט פון זײַנע יאָהרען לאנגע פאר-שונגען אבגעבען א בעריכט אויף דער לאנ-דאָנער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע וואו די דאזיגע וואונדערליכע ענטדעקונג דארף אויך בעטראכט ווערען. און ערשט דאן וועלען מיר וויסען צי ס'קאן געשאפען ווערען א קינסטלי-כער „מענש", וואס זאל לעבען, ווירקען, און גלײַכצײַטיג ארויספיהרען אלע מענשליכע לײַ-דענשאפטען.

*) דעם רב'ס איניקעל.

א היסטאָרישע ערצעהלונג פון יודישען לעבען אין פוילען און אוקראינא אינ'ם 17-טען יאָהרהונדערט, די צײַט פון באגדאן כמיעלניצקי לויט נ. באגראוו,*

פון י. געלזאהן.

(פארטזעצונג).

די חײַדאמאקעס זענען אוועק אויפ-זוכען דעם רב, און ביעלאפאלסקי האט דערווײַל געזאגט צום גראף [illegible]:

איך פערשטעה אינגאנצען נישט צו וואס דו דערלויבסט א יודישען רב צו וואוינען אין דײַן שטאָדט?

אויב איך ערלויב די יודען דא צו וואוינען מוז איך דאך זיי ערלויבען אויך צו האבען א רב.

ס'הויבט זיך נארנישט אן — האט ביעלאפאלסקי געענטפערט — איך האב מיר מיט מײַנע יודען א אנדערע עצה געגעבען.

וואס, למשל?

איך האב גערופען אלע יודען פון מײַן שטעדטיל רוזשאניץ און האב זײַ געגעבען צוויי ברירות: צו לעבען אהן רב, אדער צו פערלאזען אינגאנצען די שטאָדט.

און וואס איז געווארען?

אין אנפאנג האבען זײַ געוויינט און געקלאגט, אבער ווען איך האב זײַ ער-קלערט אז איך וועל זײַן זייער רב, האבען זיי מיר געזאגט: דו ביזט טא-קי אזוי קלוג ווי שלמה המלך אבער דו קענסט דאך נישט אונזערע געזע-צען, און אויב מען וועט דיך פרעגען „שאלות", וועסטו נישט וויסען וואס צו ענטפערען, און ווען איך האב זײַ פערזיכערט אז זײַ וועלען פון מיר זײַן מעהר צופרידען ווי פון זייער רב, האָ-בען זײַ מסכים געווען.

הוראַ! עס לעבט דער יודישער רב.

דער פאן ביעלאפאלסקי—האבען אלע אויסגערופען.

און ווי פיהרסטו זיך פאקטיש?—האט דער גראף געפרעגט—צי מאכסטו בלויז שפאס?

איך גיב אײַך מײַן עהרען - וואָרט אז עס איז אזוי ווי איך דערצעהל, איך בין רב אין רוזשאניץ, און ווען יודען האבען צווישען זיך א סכסוך וועגען געלד-זאכען קומען זיי צו מיר אדורכצומיט-לען ווי איך פערשטעה און זײַ מוזען זיך פערלאזען אויף וואס איך מאך, און וועגען שאלות פיהר איך מיך אזוי: ווען ס'קומט, למשל, א פרוי מיט א שאלה אז די מילך האט ארײַנגעטראפען אין פלײַש און זי איז בעדראָהט אז דאס פלײַש מיט די כלים זאלען זײַן טריפה, הײַס איך זי ברענגען צו מיר דעם טאָפּ מיט'ן פלײַש, און איך גיב איהר א אנדער תּיהן מיט א נײַעם טאָפּ, און זי געהט אוועק צופרידענע. ווען ס'קומט א קצב מיט א „שאלה" אז אויף די לונג פון דער בהמה איז דא א „סירכא" הײַס איך איהם ברענגען די בהמה און איך גיב איהם נאך א גרעסערע בהמה, און אלע יודען פון שטעדטיל זאגען אז זײַ זענען נאך קײַנמאל נישט געווען אזוי צופרידען פון א רב ווי פון מיר.

אלע פערזאמעלטע געסט האבען זיך נישט געקענט אויסוואונדערן אויף דער גרויסער חכמה פון פריץ ביעלאפאלס-קי, און מען האט איהם געמאכט שטורמישע אוואציעס פאר זײַן געניאַ-לען אויפטהו.

8.

די יודען וואס זענען געשטאנען אונ-טער'ן פענסטער, וועהרענד ווי צדוק איז אנידערגעפאלען פאר'ן גראף, האבען זיך זעהר געחאוגערט ווײַל ס'האט זיך געהאט פערשפּרייט א קלאנג אז צדוק האט זיך פאר צרות דאס לעבען גענומען.

דאס העפט א שווינדלער—האט אײַן יוד געזאגט—איך האב געמײַנט אז ער הענגט שוין ערגיץ אויף א בוים, און צום סוף איז ער נאר דא, און ער וועט געוויס בײַם גראף אויספועל'ן אז ער זאל צוריק בעקומען די שענק.

געלויבט דער אויבערשטער — האט דער רב אויסגערופען — וואס ער לעבט, אפשר וועט איהם גאט טאקי העלפען. געהט אין שטאָדט ארײַן זאָ-גען זײַן פאמיליע אז ער לעבט און איז דא.

אין דער מינוט זענען אנגעקומען עטליכע חײַדאמאקעס און געפרעגט די יודען וואו זייער רב איז.

עטליכע יודען האבען זײַ אנגעוויזען אויפ'ן רב, און זײַ זענען צוגעגאנגען צו איהם און געזאגט אז קום מיט אונז דער גראף רופט דיך.

דער רב האט זיך זעהר דערשראקען, אבער ער האט זיך פערהאלטען רו-היג, און געזאגט צו די יודען אז זײַ זאלען דא אבהיטען זײַן איניקעל, און זאלען איהר נישט זאגען אז מען האט איהם גערופען צום גראף, כדי זי זאל זיך נישט דערשרעקען.

די יודען האבען דעם רב בערוהיגט, און ער איז מיט די חײַדאמאקעס ארײַן אין הויף - גארטען, ווען זײַן אסתר'ל איז געווען פערנומען מיט'ן צוקוקען צו די געזאנגען און טענץ, און האט נישט געוואוסט וואס דא קומט פאר.

דער גראף מיט די חשוב'סטע געסט זענען געזעסען אויף טוש ספעציעלע בימה וואס איז געמאכט געווארען אין מיטען גארטען, דארט איז אויך גע-שטאנען צדוק, און ווען זײַ האבען גע-זעהען ווי די חײַדאמאקעס פיהרען דעם רב, האט ביעלאפאלסקי געזאגט צום גראף:

אזוי ווי איך בין אויך א יודישער רב, וואלסטו מיר איבערגעבען די גאנצע זאך און איך וועל שוין וויסען ווי אזוי ארויסצובעקומען דעם אמת, אבער מיט'ן בעדינג אז דו וואלסט זיך גארנישט ארײַנמישען, און מיך לאָזען טהון ווי איך וועל פערשטעהן.

אײַנפערשטאנען! — האט דער גראף געענטפערט — איך גיב דיר מײַן ווארט אז איך וועל זיך גאר-נישט מישען אין דער גאנצער זאך.

אויב אזוי נעם איך דאס אן — האט ביעלאפאלסקי געזאגט און זיך געווענדעט צום רב האט ער איהם געפרעגט:

ווער ביזטו?

איך בין דער רב פון צ.

און איך בין אויך א רב אין רוזשא-ניץ — האט ביעלאפאלסקי געענט-פערט. —

איך האב טאקי געהערט אז אין רוזשאניץ האט דער פאן גע-וואלט ווערען רב, נאר איך האב דאס נישט געגלויבט.

דו מעגסט גלויבען, דאס איך בין טאקי דער רוזשאניצער רב, און דו וואלסט וויסען אז איך בין אזא שווינ-דלער ווי דו, דעריבער וואלסטו באלד זאגען דעם אמת.

איך האב נאך קײַנמאל קײַן ליי-גען נישט געזאגט — האט דער רב שטאָלץ געענטפערט.

אלזא גוט, זאג מיר פארוואס ביזטו אזא שונא דעם גראפ?

איך האב קײַן מענש נישט פײַנד, איבערהויפט דעם גראף וואס טהוט אזוי פיעל גוטס מיט אונזערע יודען— האט געענטפערט דער רב.

און פארוואס מאכסטו איהם אן שטרענגס?

איך האב נישט קײַן שום בעציהונ-גען מיט די הכנסות פון גראף, איך טהו בלויז לערנען רעליגיע מיט מײַ-נע ברידער, און אין קײַן אנדערע זאכען מיש איך זיך נישט.

און פארוואס האסטו הײַנט פער-טריבען דעם נײַעם ארענדאר, און די קרעטשמע איז געבליבען לעהר פון וועם דער גראף האט א גרויסען שא-דען?

איך האב איהם נישט פערטריבען, איך האב בלויז געזאגט צו איהם וועגען יושר, ווײַל דער פאן חײַמקאָח-סקי האט אנגעצייגערען די ליבע בײַ-טאָג, ספעציעל צו נעמען א בלביל אויף צדיקן, אבער דער ארענדאר האט מיך פײַ ווי נישט געהארכט.

און פארט איז ער אוועק? ווער האט איהם פערטריבען?

נישט איך!

דו רעדסט שוין ווי א שווינדלער.

מעגליכער ווער... האט צדוק גע-הויבען, אבער דער רב האט אויף איהם א שטרענגען קוק געטהון, און ער איז שטיל געבליבען.

זעהט נאר ווי זײַ ווינקען זיך, ווי צוויי גנבים — האבען עטליכע גע-זאגט צו ביעלאפאלסקי'ן, און דער פאטער בענעדיקט האט צוגעגעבען: דו זעהסט דאך אז דאס איז נישט גלאַ-טיג, אז אײַנער פון זײַ בײַדע איז דא שולדיג, זעה אויסצונוצען אלע מיטלען ארויסצובעקומען דעם אמת.

אלזא איהר וועט נישט זאגען דעם אמת — האט ביעלאפאלסקי שטרענג געזאגט — איך וועל באלד געפינען אײַערע מיטלער.

ער האט עפּיס אײַנגערוימט אין אויער וויסקאָחסקי'ן, וועלכער איז שנעל אוועק מיט א געלעכטער, און באלד זענען אנגעקומען 4 חײַדאמא-קעס מיט גרעבע שטריק און די הענד צו בינדען דעם רב מיט צדוק'ן.

האלט! — האט ביעלאפאלסקי אויס-געשריען — איהר בעשולדיגטע הערט וואס עס רעדט צו אײַך דער עהרלי-כער ריכטער, אײַנער פון אײַך איז בעגאנגען א גרויס פערברעכען קעגען דעם גראף, בײַדע זאגט איהר אז איהר האט דאס נישט געטהון, און ווער עס האט דאס יא געטהון ווילט איהר נישט אויסזאגען, דאס גיט א חשד צו קלערען אז איהר זאגט ליי-גענד.

איך ערקלער נאכאמאל אז איך האב דאס נישט געטהון — האט דער רב דרײַסט געזאגט.

און איך אויך נישט — האט צדוק געזאגט וויינענדיג.

אלזא, אויב איהר זאגט נישט מודה, הײַס איך אײַך בײַדע צובינדען אײַנעם צום צווײַטען, און מען וועט אײַך אזוי לאנג שמײַסען ביז איהר וועט זאגען דעם אמת.

אום גאָטעס ווילען — האבען אײַ-ניגע פרויען פון די אנוועזענדע גע-זאגט צום גראף — ווי קענסטו צו-לאזען אזא מערדערײַ, דער גרויער אלטער מאן וועט דאך בלײַבען טויט אונטער דער רוט.

עס טהוט מיר זעהר וועה דאס הארץ, אבער איך קען גארנישט העלפען — האט דער גראף געענט-פערט — ווײַל איך האב מײַן עהרען-ווארט געגעבען זיך נישט צו מישען.

חײַדאמאקעס! — בינדט זײַ צוזא-מען פנים צו פנים!— האט ביעלא-פאלסקי בעפוילען.

(פארטזעצונג קומט).

נאך די וואהלען פון דער שטאדט - פערוואלטונג.

דער רעזולטאט פון די וואהלען פון דער שטאדט-פערוואלטונג, ד. ה. פון פרעזידענט פון שטאדט-ראט, פון פרעזידענט אין מאגיסטראט איז געוועזען פאר אלעמען עטוואס אונערווארטעט.

עס איז געווען מחלוקת פארצוזעהן אז דער איינפלוס פון די לינקע גריפירונגען אין שטאדט-ראט וועט זיין א מערקבארער, אבער עס איז נישט פאראויסגעזעהן געווען די מאס, וועלכע דער דאזיגער איינפלוס האט פאקטיש דערגרייכט.

דאס איז געשעהן צוליעב דעם וואס די לינקע ראטמענער אי יודישע אי נישט יודישע האבען זיך קאנסאלידירט און אין שטאדט ראט געקומען אלס איינהייטליכע גרופע, ווי ווייט עס דערגרייכט די איינהייט צווישען די דאזיגע אפילו סאציאליסטישע גרופען וועלען מיר נאך זעהן שפעטער. מיר האבען דאך פאר זיך געהאט א בולט'ע אבשפיגלונג בעת די וואהלען העו צום קאמף זענען די בירגערליכע גרופען אי יודישע און אי פוילישע געגאנגען פעראייניגט, דאגעגען די לינקע פארטייען זענען געווען צושפאלט און צושפליטערט.

דאריבער איז וועהר שווער צו גלויבען אז די פערשידענע מיינונגס-פערשידענהייטען צווישען די לינקע גרופירונגען זאלען שוין זיין פערשוואונדען, און אז זיי זענען שוין באמת קאנסאלידירט.

אבער ווי מיר זאלען זיך דאצו נישט בעציהען מוז מען מודה זיין, אז צו דער ערשטער זיצונג, צום ערשטען אקט פון דעם נייעם היגען שטאדט-ראט זענען זיי געקומען פעראייניגט, אין איין פעסט-געשלאסענעם פראנט, און דאס האט בעוויזען אז זיי האבען גענוג פערשטאנד און פעראנטווארטליכקייט פאר זייערע אויפגאבען.

לעכערליך האט רעדיבער אויסגעזעהן טקעגען איבער דעם דאזיגען איינהייטליכען פראנט די פלומרשטע ענדעקישע איינהייט, וועלכע האט זיך באלד דערשראקען און צושמיסען; עס איז תיכף ענטשטאנען צווישען זיי א צושפאלטונג אזוי אז ביי א פערשלאג, וועלכער איז מצד א גרופע פון זייערע אריינגעטראגען געווארען, איז צוליב'ן פעהלען פון א אונטערשריפט דער דאזיגער פארשלאג ארורצגעפאלען. דאס איז געוועזען דער ערשטער אנזאג פון דער ענדעקישער איינהייט, וועגען וועלכען מען האט אזוי פיעל פאר די וואהלען געפ-ערינט און געלארעמט, זיי האבען עס געשריגען צו דער פוילישער געזעלשאפט און גערופען צו איינינקייט אקעגען איבער דעם געמיינזאמען שונא אקעגען איבער דעם יוד — אבער שוין אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם שטאדט-ראט איז די דאזיגע איינינקייט זיך צופלויגען ווי א זייפען-בלאז און מען האט געקאנט זעהן, אז די גאנצע בלומרשטע פעראייניגונג איז געוועזען נור א פיקציע, צו פערפושען די מוח'ות פון דעם ברייטען קריסטליכען עולם.

דאס האט אונז אנ'איבעריג מאהל איבערצייגט אז די גאנצע פאליטיק פון דער ענדעציע, און זייער חשק צו שאפען א ריין פוילישע מעהרהייט וועט דערפיהרט צו א באנקראט אין דאס וויכטיגסטע דאפון איז אז ביים ריכטיגען אויפפאסען און אבשאצען דעם מאמענט טהוען די יודישע ראטמענער געבען זיי די גרעסטע יודישע שונאים דעם אמת'ן טויט-קלאפ.

דאריבער איז ווערט אין דעם פאל באמת בעגריפם צו וועהרען די האנדלונג מצד א טהייל פון די יודישע ראטמענער וועלכע איז אין אלע הינזיכטען געוועזען אויפריכטיג און פערשטענען פאר וועמען אבציוגעבען זייערע שטימען און אויך מצד דעם גאנצען כלל פון די זיבען יודישע ראטמענער וועלכע האבען צוגעהאלפען ארויסצושטויסען די גרעסטע שונאי-ישראל פונ'ם ווארער פון דער היגער שטאט-ווירטשאפט.

דאס איז א טהאט וועלכע האט דרך אגב אין אלגעמיין געניטען שוין נעפרעגנט צו א געהימען יודישען ערפאלג דאדורך וואס עס איז געווענדעט געווארען א יודישער לאווניק, וואס וועט וואהרשיינליך געהענדיג וועמער אין דער דאזיגער ליניע שפילען אין מאגיסטראט די איבערוועגענדע - ראלע ביים דעצידירען פערשידענע פראגען אין קאמף צווישען די רעכטע און לינקע טהיילען פון דער היגער בעפעלקערונג.

דער יודישער לאווניק וועט געשטעלט ווערען אין מאגיסטראט אין דער זעלבער פאזיציע, ווי עס האבען זיך געפונען די יודישע ראטמענער.

עס זענען געוועהלט געווארען פינף לאווניקעס צוויי פון די פ. פ. ס. צוויי פון די ענדעקעס און איין יוד. דער יודישער לאווניק וועט דערום מכריע זיין אין אלע וויכטיגע פראגען אין דער ארער יענער זייט.

און אט דעם דאזיגען מאמענט אויסצוניצען פאר דער יודישער זאך, לטובת די אינטערעסען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, דאס וועט זיין זיין אויפגאבע, וועלכע ער וועט, לאמיר האפען, אין דעם זין ערפילען.

דאפין איז אלוא צו זעהען, אז דער יודישער איינפלוס אין דעם שטאדט-ראט בכלל און דער היגער זעלבסט-פערוואלטונגס-ארגאנען בפרט איז א בעדייטענדער און עד סוף דערהאלטען און געפלעגט ווערען.

אז עס איז אזוי איז גענוג צו לערנען פון דעם ווי אזוי דער היגער פוילישער ענדעקישער אנטיסעמיטישער „גאניעץ" בעהאנדעלט דעם דאזיגען ענין.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם אויבענדערמאנטען אויסגאנג פון די וואהלען שרייבט דער „גאניעץ" אנ'ארטיקעל אין וועלכען כ'ווערט געזאגט אז ער האט פארגעזעהען דעם דורכפאל פון די ענדעקעס, וועלכע האבען אז ביי די וואהלען אז נאך די וואהלען נישט געפיהרט די געהעריגע טאקטיק, אזוי ווי עס האלטען פערלאנגט די אינטערעסען פון דער פוילישער געזעלשאפט ער הייבט דאריבער בעצייטען'ס אן צו בעשולדיגען די דאזיגע פערשטעהער און האלט זיי פאר זייער נישט-רוכטיגע האנדלונג וואס האט דערפיהרט צו זייער דורכפאל. ער חארפט דרך אגב ארויין דעם געדאנק אז ווען עס איז נויטיג געווען האט מען געראדעט זיך פעראייניגען בפרט מיט די יודישע בירגערליכע ראטמענער און שאפען א מעהרהייט — ער בעשולדיגט דאריבער די ענדעקישע ראטמענער אז זיי האבען זיך נישט בעמיהט צו שאפען פאר זיך א מעהרהייט, און נאכמעהר אנשטאט ארויסצוטרעטען איינהייטליך וועגען ווי אין שטאדט-ראט פונאנדערגעקספלט געווארען אין צוויי לאגערן.

אמת איז אז א טהייל פון זיי, די ענדעקעס, האבען געפרובט צו ברענגען די איינהייט פון לינקען פליגעל, אבער דאס איז זיי נישט געלונגען, און זייער פערזוך איז אבגעשטויסען געווארען — ווייל זייער כונה איז געווען ארויסצושטויסען די יודישע סאציאליסטישע ראטמענער, און די פ. פ. ס. איבערהאבען אביסעל אונטער זייער מאנטעל. היות אבער ווי דאס איז זיי אויך נישט געלונגען זענען זיי בכלל געבליבען אונבעהאלפען. און אויב זיי איז געלונגען ארורכצופיהרען בלויז 2 סעקרעטארען, איז עס נאר א דאנק דער צופעליגער נישט ריכטיגער האנדלונג מצד די סאציאליסטישע גרופען, וועלכע האבען דעם דאזיגען מאמענט נישט ריכטיג אבגעשאצט, און דאבי דערפיהר'ט געווארען צו א מיספערפאלג.

אלענפאלס לאזט זיך בעמערקען אנ-אינטערעסאנטער מאמענט ביי דעם איצטיגען שטאדט-ראט.

צו די וואהלען זענען די סאציאליסטען געגאנגען צושפליטערט, און אין שטאדט-ראט זענען זיי געקומען פעראייניגט.

דאגעגען די ענדעקעס זענען צו די וואהלען געגאנגען פולשטענדיג פעראייניגט — זענען זיי אין שטאדט-ראט געקומען צושפאלטען.

פאר דאס בעווייזט אונז אז די כיענע-פאליטיק הויבט אן דערפיהרט צו חעען צום אונטערגאנג פון איחר לעבענס-פעהיגקייט, און אז גרעסערע ארער קלענערע טהיילען פון דער פוילישער געזעלשאפט הייבען איינציגזעהן אהן צו פערשטעהן זייערע אייגענע אינטערעסען און זוכען דעם אמת'ן שולדיגען און נישט דעם אויפגעטראכטען און איינגערעדטען שונא — דעם יוד.

די יודישע בירגערליכע ראטמענער וועט אפילו מ'ט די פ. פ. ס. וועלכע שפילען די ערשטע פידעל, אויך נאך אויסקומען צו קעמפען פאר יודישע פאסטולאטען, אבער דאבי לאמיר האפען, לכל הפחות, וועלען די יודישע ראטמענער זיין געאייניגט און שטארק פאדערן דאס וואס אונז קומט, און דאס וואס מיר קענען ביי געהעריגער טאקטיק איצט אויסקעמפען.

X,

די פורים-אקציע פון קרן קימת לישראל.

שלח-מנות פאר'ן יודישען פאלק.

איינער פון די שענסטע יודישע מנהגים איז דער שלח - מנות. איהר קאנט אין איהם געפונען א גוטמוטיגקייט, אנ'אויסדרוק פון ברודערליכקייט אין פון געבאט „ואהבת לרעך כמוך".

ס'איז א זעלטענער מנהג; א גאנץ פאלק שיקט זיך געגענזייטיג מתנות און בינדט דעם אייביגען בונד פון דער צוגעהעריגקייט צו זיין ראסע, צו זיין פאלק.

ביז דער לעצטער צייט האט דער דאזיגער שעהנער מנהג געטראגען א ריין אינדיווידועלען כאראקטער. מען האט זיך געגענזייטיג געשיקט שלח-מנות, און פריינד און קרובים האבען אין דעם פאלקסטימליכען יום-טוב פורים געפונען א אויסדרוק פאר זייערע פערזענליכע בעציהונגען. דאגעגען די לעצטע יאהרען, האט איז א העכסט-אינטערעסאנטע ערשיינונג, נעמט אן דער דאזיגער מנהג א אנדערן כאראקטער; אין צוזאמענהאנג מיט דער נאציאנאלער אויפלעבונג, וואס האט ארומגענומען דאס גאנצע יודישע פאלק, וואס האט ווי א פלאם ארומגעכאפט אלע אונזערע געזעלשאפטליכע שיכטען, ווערט אויך אין דעם דאזיגען מנהג ארייגגעגאסען א נייער אונהאלט, א נייע כונה, א ציעל-בעוואוסטער מאמענט.

עס האט זיך אנגעהויבען אויפבילדען דער מנהג פון שיקען אין טאג פון פורים שלח-מנות פאר'ן יודישען פאלק. אין די צייטען ווען מען האט גענומען אויסנוצען אלע געלעגענהייטען פאר'ן אויפבוי פון יודישען לאנד און דעם אויפריכטונג פון פאלק—האט זיך געשאפען דער מנהג אויסצונוצען אויך די דאזיגע געלעגענהייט—דעם פורים—ווייל דאן הערשט די פאלקס-טימליכע גוטמוטיגקייט אונבעגרענעצט און דאס הארץ עפענט זיך אין דער ליעבע פאר דער גרויסער אידעע פון אונזער עפאכע.

מען האט צוזאמענגעבינדען פורים מיט'ן קרן-קימת, מיט'ן יודישען לאנד, מיט דער אויסלייזונג פון דער ערד פאר די בויער פון ארץ-ישראל.

שלח-מנות פאר'ן יודישען פאלק

דורך דעם קרן-קימת לישראל!

שוין עטליכע יאהר, ווי דער דאזיגער מנהג ווערט וואס אמאל מעהר אנגענומען ביים פאלק און בעקומט בירגער-רעכט אין אונזער לעבען, און אויך היינטיגעס יאהר ווען נאך דער צייט פון אויסערגעוועהנליכער התלהבות איז געקומען די תקופה פון רעאלער טאג-טעגליכער ארבייט, וועט אהן ספק אין דעם טאג פון פורים געגעבען ווערען דער שטארקסטער אויסדרוק פון דער צוגעבונדעקייט צו קרן-קימת.

היינטיגען פורים וועט אין יעדען יודישען הויז הערשען די לאזונג:

„שלח מנות פאר'ן יודישען פאלק—
דורכ'ן קרן קימת לישראל!"

פראָפ. חנוך גליצענשטיין.

(צו זיין חיילען אין ווארשא)

(א בלעטיל זכרונות פון די קינדער-יאהרען אין צוזאמענהאנג מיט זיין ביאגראפיע).

קיינער פון אונז די בחורים פון טורקער בית - המדרש האט דאמאלס נישט געקענט גלויבען אז אונזער חבר וואס האט מיט אונז צוזאמען געלערנט אין בית-המדרש און פערברענגט די צייט צוגלייך מיט אלע ישיבה-בחורים וועט מיט דער צייט ארויסשטעקען אזא גרויסער וועלט-בעריהמטער מענש, א מענש וואס האט זיך קונה שם געווען אין דער גאנצער קולטורעלער וועלט.

קיינעם פון אונז האט נישט געקענט קומען אויפ'ן געדאנק אז העניך יהושע-אלטער'ס (אזוי האט מען איהם דאמאלס גערופען) וועט מיט זיין קריצען די חתימה'לעך און מאהלען די „שויתי'ס" אזוי אויסנעמען, און דאס וועט איהם פערשאפען אזא רוהם און כבוד, אז אלע וועלען וועגען איהם רעדען מיט דער גרעסטער עהרע און אכטונג.

דער אמת איז אז ער האט זיך מעהר ווי אונז אלע אויסגעצייכענט מיט זיין קריצען און מאהלען. איך זאג מעהר ווי אונז אלע, ווייל דאמאלס איז עפיס געווען אזא מין טראדיציע צווישען די ביהמ"ד-בחורים פון יענעם שטעט, אז יעדער האט זיך געלערנט קריצען, יעדער האט זיך געקויפט אין געוועלב א שלייפשטיינדעל פאר 3 קאפיקעס, און מיט א מעסערל האט יעדער ישיבה-בחור וואס ביי זיך, האט מען געקריצט יודישע ארער פוילישע חתימה'לעך. מיט דער דאזיגער ארבייט האט זיך יעדער פון אונז פערנומען אין די פרייע שעה'ן, און ווען די „חתימה" איז פערטיג געווארען האט מען עס צונעמהון צו א ברענגדיג ליכט און געלאזט שמארץ הערען פון רויך, און דערנאך אבגעדריקט דאס אויף א ספר אדער א שטיקעל פאפיר.

און העניך יהושיע - אלטער'ס איז געווען א קינסטלער אינ'ם קריצען די דאזיגע חתימה'לעך, ער האט דאס געמאכט אזוי קונציג און אזוי שנעל אז אלע האבען איהם געהאלדינ מקנא געווען. וואס מיר האבען זיך געפוזט טומשען דאבי א גאנצען טאג האט ער געמאכט אין פינף מינוט, און דאס איז ביי איהם ארויסגעקומען שטענדיג פיין און רעיעל אהן שום פגימה.

בעזונדער פלעגט ער מאהלען מיט א בלייפעדער פערשידענע בילדער, מענשען, חיות, הייזער, און לאנדשאפטען, און דאס איז ביי איהם ארויסגעקומען ווי לעבעדיג אז פיעל מאל זענען מיר ערשטוינט געווארען עפנענדיג א וועלכעס ס'איז ספר, און אויפ'ן פארדער-בלאט האט זיך געפונען דאס בילד פונ'ם רב ארער פון דאזער, ארער גאר פון איינעם פון אונז, און מיר האבען זיך איבער דעם וועהר לוסטיג געמאכט.

איך געדענק אז אין בית - המדרש איז דאמאלס געווען א שמש וואס פלעגט די בחורים וועהר פייניגען און אלע האבען איהם דאריבער וועהר פיינט געהאט. איינמאל האט העניך אויפגעמאהלט אויף א פאפיער א בילד ווי אזוי דער שמש אין זיין אמת'ן געשטאלט שטעהט, און דער מלאך-המות קומט און וויל איהם נעמען אין היטעל אריין. דאס בילד איז געווען וועהר ארוגינעל און לעבעדיג, און ער האט דאס ארייננעלעגט דעם שמש אין סידור אריין ביי קריאת-שמע. דער שמש האט זיך גראד געשטעלט דאווענען פאר'ן עמוד, און ווען ער איז צוגעקומען צו דעם בלעטיל פון קריאת-שמע און דערזעהענדיג דאס דאזיגע בילד האט ער געמאכט א שרעקליך געשריי אז דער גאנצער עולם איז דערציטערט געווארען, און ערשט ווען מען האט געזעהען וואס עס טהוט זיך, האבען אלע גלייך פערשטאנען אז דאס האט נישט געטהון קיין אנדערער ווי העניך יהושיע-אלטער'ס.

איך בין נישט אומשטאנד צו געדענקען אפילו קיין טהייל פון די אלע „קונצען" וואס ער האט דאמאלס אבגעטהון איבער וועלכע מיר האבען זיך לוסטיג געמאכט, נישט פערשטעהענדיג זייער גרויסע בעדייטונג און די אמת קינסטלערישע ארבייט מיט וועלכע זיי האבען זיך אויסגעצייכענט.

א יאהר שפעטער האב איך געלערנט אין דער ישיבה און דאהערט ווען איינמאל איז אריינגעקומען אין בית-המדרש גליצענשטיין, איך האב זיך מיט איהם דערפרעהט, און ער האט מיר געזאגט אז ער פאהרט לערנען קיין לאדז, וואו ער האט אסך פאמיליע, און וועט בעקומען צו עסען „טעג", בעזונדער געפעלט איהם לאדז, ער האט מיר איבערגעלאזט „לעצט-געלר" א חתימה'לע וואס ער האט מיר אזוי רעדענדיג געמאכט, און איך האב דאס געהאט אלס אנדענקען א לאנגע צייט שפעטער ווען ער איז שוין געווען א וועלט - בעריהמטער קינסטלער.

אין לאדז איז גליצענשטיין „נתגלה" געווארען, אין א קורצע צייט שפעטער האט מען וועגען איהם גערעדט שוין ווי וועגען א גאון, און מען האט דערזעהען אז דאס איז געקומען פון פאלגענדען צופאל:

איינמאל ווען גליצענשטיין איז געשטאנען פאר'ן בית-המדרש אויף דער אלט-שטאדט אין לאדז און האט געקריצט אויף א שטיינדיל איז צוגעגאנגען צו איהם א פאליציאנט פרעגען וועגען א פאס. גליצענשטיין איז געווען וועהר פערטיפט אין דעם קריצען און דער פאליציאנט האט איהם פשוט געפוזט וועקען, דאן האט ער דאס שטיינדיל איבערגעגעבען דעם פאליציאנט וואס איז ערשטוינט געווארען ווען געהעריג דארט אויסגעקריצט זיין בילד אזוי ווי לעבעדיג, מיט דער גרעסטער פונקטליכקייט.

דער פאליציאנט האט דאס בילד געוויזען זיינע חברים אין קאמיסאריאט, וועלכע האבען זיך פון דעם וועהר געוואונדערט, און אזוי איז דאס אנגעקומען ביז צום נאטשאלניק.

דער רוסישער נאטשאלניק איז גראד געווען א מענש מיט אביסעל פערשטענדניס פאר קונסט, ער האט דאריבער געוואלט זעהען דעם יונגען קינסטלער, און געגעבען א בעפעהל איהם אויפצוזוכען, און צו איהם צו ברענגען.

דער פאליציאנט איז אוועק אין בית-המדרש אויף דער אלטער שטאדט און ס'איז איהם קוים געלונגען צו געפונען „דעם בחור וואס קריצט אזעלכע שעהנע מענשלעך" און איהם געבראכט צום נאטשאלניק.

ווען גליצענשטיין האט געווארט אין קארידאר צווישען אנדערע איז גראד ארויסגעקומען דער נאטשאלניק און גערעדט מיט די ווארטענדע, גליצענשטיין האט אויסגענוצט די פאר מינוט און אויסגעקריצט דאס בילד פון נאטשאלניק אויף א שטיין און דאס בעהאלטען אין טאש.

ווען ס'איז געקומען זיין רייהע און ער איז אריין צום נאטשאלניק אין קאבינעט און ער האט איהם געפרעגט צו ער האט ווירקליך געקריצט די ציורה פון דעם פאליציאנט, האט גליצענשטיין איהם דערלאנגט דאס בילד פון נאטשאלניק וואס ער האט ערשט איצט, ווארטענדיג אין קארידאר, אויסגעקריצט.

דערזעהענדיג זיין אייגען בילד איז דער נאטשאלניק פשוט דערציטערט געווארען פון דער גענויאינקייט און פונקטליכקייט, ער האט פון גליצענשטיינען גענומען זיין אדרעס און זיך מיט איהם געזעגענט.

באלד האט דער נאטשאלניק געשיקט רופען איינינע פון די לאדזער יודישע כלל-טוער און זיי געזאגט מוסר פארוואס זיי לאזען אזא אויסערגעוועהנליכען טאלענט גהן לאיבוד און געפאדערט פון זיי צו נעמען גליצענשטיינען אונטער זייער שוץ און איהם אויסצובילדען אלס סקולפטור.

אין רעזולטאט פון דעם איז גליצענשטיין איבערגעגעבען געווארען אין א שולע וואו ער האט אין עטליכע מאנאטען ערלערנט איינינע שפראכען און דאן האט מען איהם אוועקגעשיקט קיין מינכען פארטזעצען זיינע סטודיום. און עס האט געדויערט נישט לאנג ביז ער איז געווארען בעריהמט אלס גרויסער סקולפטור-קינסטלער אין דער גאנצער קולטורעלער וועלט.

זעלבסטפערשטענדליך ווייס איך נישט אויב די דאזיגע געשיכטע שטימט מיט אלע איהרע פרטים, יעדענפאלס איז גליצענשטיין אזוי ארום נתגלה געווארען, און איז איצט ווי בעוואוסט דער בעריהמטסטער אין דער וועלט אויף דעם געביעט.

פרא.

פלענאר - זיצונג פון קהלה - ראט.

נאך א לאנגע הפסקה איז זונטאג נאכמיטאג פארגעקומען א פלענאר-זיצונג פון קהלה-ראט מיט דער פער-וואלטונג, פון וועלכער דער טאג-ארד-נונג האט ענטהאלטען דאס אנגעבען דורך דער פערוואלטונג א דין-וחשבון פון פערגאנגענעם בודזשעט-יאהר, נאכ-דעם ווי די גמינע-ביכער און חשבונות זענען דורכ'ן שטראסטא קאנטראלירט און בעשטעטיגט געווארען, און אויפ'ן צווייטען פונקט פון דער טאג-ארדנונג האט זיך געפונען דאס שאפען אין אונזער שטאדט א רעטונגס-אקציע פאר די הונגעריגע און נויטליידענדע יודען.

עס האט זיך ענטוויקעלט א הייסע דיסקוסיע צוליעב דעם וואס איינינע ראטמענער האבען געפאדערט אז דער פונקט וועגען דער רעטונגס-אקציע זאל געשטעלט ווערען אויפ'ן ערשטען ארט און ס'איז בעשלאסען געווארען צוצו-טרעטען צום בעהאנדלען טאקי אט דעם פונקט.

דער פרעזעס ה' וועקסלער מעלדעט אז ס'איז אנגעקומען א בריעף פון די הינגע מורה - הוראה'ס וועלכע אפעלי-רען צום ראט וועגען דעם וואס די פענסיעס ווערען זיי נישט אויסגעצאהלט אין דער צייט, און ס'קומט זיי שוין פענסיע פון א געוויסער צייט, צוליעב וואס זיי לעבען אין דחקות.

דער פרעזעס פון דער פערוואלטונג ה' גאלדשטיין ערקלערט אז די גמינע לעבט אדורך א שרעקליכען געלד-מאנגעל, דעריבער איז אונמעגליך אויסצוצאהלען די גאנצע פענסיעס אין דער צייט. עס ווערט זיי אבער פארט אויסגעצאהלט לויט ווי די הכנסות פליסען איין.

איינינע ראטמענער זאגען זיך ארויס אז די גמינע דארף נישט אויסצאהלען קיין שום סובסידיעס די וואוילטעטיגע אינסטיטוציעס איידער די בעאמטע האבען בעקומען אויסגעצאהלט זייערע פענסיעס, און ר. פעדערמאן פאדערט אז דער ראט זאל וועגען דעם אננעמען א פעסטען בעשלוס.

פרעזעס ה' גאלדשטיין ערקלערט אז אזא בעשלוס איז נישט מעגליך אנצו-נעמען, ווייל קודם-כל האט די גמינע איהרע אינסטיטוציעס פון וועלכע די בעאמטע זענען אויך בעאמטע פון דער גמינע, און בעזונדער קען מען די קראנקע אין שפיטאל נישט לאזען אהן הילף, און די אלטע אין מושב-זקנים, אדער די גערטנער - פערטע קען מען נישט איבערלאזען אהן דער שטיצע ווייל אלץ ווערט אונטערגעהן.

די ראטמענער זילבערבערג און פא-געל האלטען אז דאס אויסצאהלען פענסיעס די בעאמטע דארף זיין דאס ערשטע, און די אינסטיטוציעס קומען ערשט שפעטער, דאנגעגען די ראטמע-נער געריכטער און פינקעלשטיין האל-טען אז דאס אונטערשטיצען די אינס-טיטוציעס איז אזוי וויכטיג ווי די בע-אמטען-פענסיעס.

ארום דער דאזיגער פראגע ענטווי-קעלט זיך נאך א לאנגער ליידענשאפ-טליכער ויכוח, און ענדליך ווערט דורך דער מעהרהייט אנגענומען א בעשלוס, אז די בעאמטע האבען דין-קדימה, און אפילו מען האט זיי אויסגעצאהלט די פענסיעס, טאר קיין שום געלד נישט אוועקגעגעבען ווערען די אינסטיטו-ציעס.

ווען מען געהט נאכדעם איבער צום טאג - ארדנונג אום צו בעהאנדלען די פראגע וועגען א רעטונגס-אקציע פער-לאנגט ר. פעדערמאן אז מען זאל אדורכלעזען דעם בריעף פונ'ם ראט פון די קלאסען-פעראיינען.

דער סעקרעטאר ה' חוען לעזט אדורך דעם בריעף אין דער פוילי-שער שפראך וואס איז אנגעקומען פון ראט פון די קלאסען - פעראיינען וועל-כער ערקלערט אז ס'איז געשאפען גע-ווארען א ספעציעלע אינסטיטוציע וואס ערמעגליכט מעדיצינישע הילף די אר-בייטסלאזע ארבייטער וועלכע קענען צוליעב זייער ארבייטסלאזיגקייט נישט געניסען פון דער קראנקען-קאסע, די הילף ווערט געגעבען יודען אזוי ווי קריסטען, און דעריבער פערלאנגען זיי פון דער גמינע א איינמאליגע שטיצע פון 1000 זל., און מאנאטליכע שטי-צע פון 500 זל. יעדען מאנאט.

דאס ווארט נעמט ה' גאלדשטיין וועלכער ערקלערט קאטעגאריש אז ער איז געגען סובסידירען דעם דאזיגען אנשטאלט, ווייל אזוי גוט ווי דער קריסטליכער טייל טאנט נישט אריין קיין בעזונדערע געלדער, נאר ער בע-קומט פון מאגיסטראט, דארף דער יו-דישער טייל אויך נישט בעזונדער צאהלען, ווייל די מאגיסטראט-געלדער פליסען איין פון דער יודי-שער בעפעלקערונג אין א גרעסערער מאס ווי פון דער קריסטליכער, און מיר קענען דעריבער נישט אליין אויף זיך נעמען די דאפעלטע קור-קאסטען געגען וועלכע די יודישע קהלות הא-בען איבעראל אזוי פיעל געקעמפט, בעזונדערס — ערקלערט ה' גאלדשטיין — ווערט געפאדערט א אמבולאטאריום ביים יודישען שפיטאל וואו אלע יודען אהן אונטערשייד פון שטאנד און ריכ-טונג וועלען בעקומען מעדיצינישע הילף פאר א קליינע מינימאלע אב-צאהלונג. מיר קענען זיך אליין נישט אנטהון די „געלע לאטע" און צאהלען פאר יעדע זאך צוויי מאל, איינמאל אלס בירגער און דאס צווייטע מאל אלס יוד.

ר. פעדערמאן וועלכער איז אונטער-געשריבען אויף דעם דאזיגען בריעף צוזאמען מיט ה' קערמאס, פערטיידיגט זיין פערלאנג אז די גמינע מוז דוקא אונטערשטיצען די דאזיגע אינסטיטו-ציע, קודם כל מיט דעם ארויסצו-ווייזען א גוטען ווילען געגען די קריס-טען אז די יודישע ארבייטער זאלען נישט ליידען פון די אנטיסעמיטישע שטרעמונגען, טראץ דעם וואס זיי וועלען זיך געוויס נישט לאזען איגנארירען און וועלען אבהיטען זייערע רעכט, איז אבער זעהר וויכטיג אז די קהלה אלס א יודישע אויטאנאמע אינסטי-טוציע זאל דעם אנשטאלט אונטער-שטיצען אזוי גוט ווי דאס מאגיסט-ראט.

געגען דעם ווענדען די ראטמענער זילבערבערג און חיינשטאק, וועלכע ערקלערען אז אין דער צייט ווען די קריסטען צאהלען נישט בעזונדער נאר בעניגען זיך מיט די געלדער פון מא-גיסטראט, דארפען די יודען אויך בע-זונדער נישט צאהלען.

ר. פאגעל זאגט אז די גאנצע פרא-גע איז דערווייל נישט אקטועל, ווייל מען האלט נאכנישט איצט ביים פער-טיילען דאס געלד, נאר קודם-כל ביים אויסגעפינען א פלאן פון וואנען די געלדער צו שאפען, און צוטרעטענדיג צו דער אלגעמיינער פראגע וועגען א רעטונגס-אקציע בלייבט די דאזיגע פראגע פארלויפיג נישט געלעזט.

מען טרעט צו צו בעהאנדלען די פראגע וועגען דער וויכטיגקייט פון שאפען א רעטונגס-אקציע אין אונזער שטאדט, וועגען וואס מיר געבען א בעזונדערען בעריכט.

די גמינע האט געשאפען א רעטונגס קאמיטעט פאר די הונגעריגע נויטליידענדע און ארבייטסלאזע.

אויף דער זונטאג'דיגער פלענאר-זיצונג פון קהלה-ראט מיט דער פער-וואלטונג איז מען צוגעטרעטען צו בעטראכטען די וויכטיגע פראגע וועגען אדורכפיהרען אין אונזער שטאדט א גרויסע רעטונגס - אקציע פאר די הונגעריגע און נויטליידענדע.

דער פרעזעס פון דער פערוואלטונג ה' גאלדשטיין נעמט דאס ווארט צו ערקלערען וואס די פערוואלטונג האט וועגען דעם ביז איצט געטהון, ער זאגט אז די פערוואלטונג האט זיך נישט געקענט ווי געהעריג בעראטען וועגען דער זאך, ווייל שטענדיג הא-בען זיך פערזאמעלט פיעל ארבייטער און זיי געהאלט טעראריזירען, און אונטער טעראר האט די פערוואלטונג נישט געקענט קיין זאך אדורכפיהרען, אבער ענדליך האט זי אנגענומען א בעשלוס וועגען אדורכפיהרען צו דעם צוועק אין אונזער שטאדט א גאנצע ריי אקציעס, און דאס ערשטע איז געווען דער אויפרוף וואס מען האט ארויסגעלאזט צו דער בעפעלקערונג, אז יעדער זאל אריינטראגען דאס געלד פאר פיש אויף שבת, פאר די הונגע-ריגע, און די דאזיגע אקציע האט זיך פערהעלטניסמעסיג גאנץ איינגעגע-בען, עס האבען איינגעצאהלט ביז איצט 1500 מענשען די סומע פון העכער 2500 זל. די אקציע דארף דעריבער פערגעזעצט ווערען, ווייל עס דארפען זיך בעטייליגען אין איהר וועניגסטענס 3000 מענשען און זי דארף ברענגען א ערך 6000 זל. ער ערקלערט אויך אז געגעבען האבען נאר די רעליגיעזע און נאציאנאלע יודען, דאנגעגען די פרייע און פארט-געשריטענע האבען זיך אין דער אק-ציע איינגאנצען נישט בעטייליגט.

אויפ'ן פערלאנג פון ר. פעדערמאן ווערט אדורכגעלעזען דער בריעף וואס ער האט געשריבען צום ראט און געפאדערט צוזאמענצורופען א זיצונג וועגען דער רעטונגס-אקציע, און דאן נעמט ער דאס ווארט און זאגט אז די ארבייטער האבען קיינמאל נישט בענוצט קיין טעראר, די ארבייטער-דעלעגאציעס צו דער גמינע האבען זיך גאנץ אנשטענדיג אויפגעפיהרט, זיי האבען זיך פריהער געווענדעט צום מאגיסטראט און אנדערע אינסטיטוצ-יעס און ערשט שפעטער צו דער גמי-נע, ער איז בעפולמעכטיגט פון אלע הינגע ארבייטער - ארגאניזאציעס. ביי זיי זענען רעגיסטרירט 750 ארבייטס-לאזע פאמיליעס וואס צעהלען 2120 נפשות, וועלכע האבען ביז איצט גע-האט ארבייט, און איצט הונגערן זיי, און ער פאדערט פאר זיי הילף און שטיצע, נישט אלס נדבה נאר אויפ'ן אנשטענדיגען אופן.

ה. זילבערבערג קריטיקירט דעם בעריכט פון דער פערוואלטונג. דער איסור אויף פיש איז נישט געווען ריכטיג, ווייל נישט בלויז די יודען וואס עסען פיש אום שבת דארפען געבען, און בעזונדער דארף די אק-ציע נישט אדורכגעפיהרט ווערען אויף די פלייצעס פון די פישערס, חוץ דעם האט מען דעם איסור נישט געדארפט אברופען געלדערם ווען מען האט איהם פערעפענטליכט. ער וואונדערט פאר דער פערוואלטונג פארוואס זי האט זיך אין דער זאך נישט בעראטען מיט'ן ראט, נאר אלץ אבגעטהון אויף איי-גענער האנד אזוי ווי די טענדענץ איז ביי איהר שטענדיג, ער לעגט פאר צו מאכען א אבצאהל 10 גראשען פון יעדען עוף וואס ווערט געשחט'ן, און צו שאפען א געמישטע קאמיסיע פון ראט מיט דער פערוואלטונג וואס זאל אדורכפיהרען די רעטונגס-אקציע.

ה' גאלדשטיין ענטפערט דעם ר. פעדערמאן, וואס ער זאגט אז די אר-בייטער וועלען נעמען נאר אויף א אנשטענדיגען אופן, און ער פרעגט איהם אויב דאס ארויסבעקומען פון מאגיסטראט פאר 14 ארבייטער צו 20 זלאטעס שטיצע הייסט אנשטענדיג, ווען ער וואלט נישט געגאנגען אליין נאר מיט די אנדערע יודישע ראט-מענער צוזאמען, וואלט דער מאגיס-טראט געוויס געגעבען א בעדייטענדע שטיצע און מאכען ברוב כבוד. דער פלאן פון ר. זילבערבערג וועגען א אבצאהל פון עופות - שחיטה איז שוין בעטראכט געווא-רען און זיי האבען איינגעזעהען אז דאס קען ברענגען זעהר וועניג.

ר. חיינשטאק ענטפערט שארף דעם ר. פעדערמאן און ערקלערט, אז שטענדיג קומט ער נאר מיט די אר-בייטער אין דער צייט ווען די האנ-

ברידער יודען!

די טעג הויבט אן דער „בית לחם" זיין טראדיציאנעלע **פסח-אקציע** לטובת די פיעל הונדערטער בכבוד'ע יודישע פאמיליעס אין טשענסטאכאוו.

עס דערנעהנטערט זיך די פסח-נאכט אין וועלכער מיר רופען ביי א געדעקטען טיש „כל דכפין ייתי וייכול", מיר מוזען אבער שוין יעצט אונזער שטימע אויפהויבען און אפעלירען צו דעם געוויסען פון אונזערע פיעל-חענוג בעמיטעלטע ברידער, און זאגען: יודען, ראטעוועט אייערע בכבוד'ע בעלי-בתים, וועלכע זענען געפאלען אלס קרבן פון דער לאנג - דויערנדער קריזיס-צייט!

ראטעוועט די משפחות וועלכע האבען נישט די מינדעסטע מיט-הילף פון קיינעם איינצוארדנען דעם יום-טוב פסח.

ראטעוועט די מענשען וועלכע עס דראהט אהן מצות צו בלייבען, און דעם גאנצען יום-טוב צו הונגערן.

ראטעוועט די מענשען וועלכע האבען אין זייער לעבען קיין נהמא דכסיפא, קיין געשענקט ברויט נישט טועם געווען.

ראטעוועט די בכבוד'ע מענשען וועלכע האבען נאך מיט א קורצער צייט צוריק נישט געוואוסט אז זייער לאגע וועט זיין אזוי שוידערהאפט און טראגיש.

שטיצט די פסח-אקציע פון „בית לחם"

וועלכע וועט פערזארגען די בכבוד'ע בעלי-בתים מיט מצות און אנדערע פראדוקטען אויף פסח.

די דאזיגע אויפגאבע איז אין דער איצטיגער צייט זעהר א שווערע, זי איז אבער אזוי וויכטיג און הייליג אז קיין שום יוד טאר נישט שטעהן פון ווייטענס און בלייבען צו איהר גלייכגילטיג. די ווארימסטע סימפאטיע פון אלע הינגע שיכטען פון דער בעפעלקערונג דארף דער „בית-לחם" געפונען אין זיין **פסח-אקציע**.

מיר זענען זיכער אז די הינגע יודישע בעפעלקערונג וועט אויפנעמען די זאמלער וואס וועלען געהן פון שטוב צו שטוב בסבר פנים יפות, און וועלען דערמיט בייהילפיג זיין אז אונזער נויטיגע אקציע זאל האבען דעם נויטיגען ערפאלג.

מיט אכטונג

די פטרוו. פון „בית לחם".

דהערקער און קליינהענ-דלער האבען נישט ווייניגער געליטען פון קריזיס ווי די ארבייטער און די שטיצע דארף דעריבער זיין פאר אלע נויטבעדערפטיגע פון וועלכער קלאס ער זאל נישט זיין אויב ער איז נאר א יוד.

ר. פאגעל קריטיקירט אויך די האנ-דלונג פון דער פערוואלטונג וועלכע האט זיך נישט בעראטען מיט'ן ראט, ער איז נישט מסכים מיט דער פיש-אקציע און לעגט פאר צו נעמען אנ'אנצאהל פון די קינא און טעאטער בעזוכער.

ווען מען טרעט צו אויסצוועהלען א קאמיסיע פון 7 פערזאן וואס זאל צוזאמען מיט דער פערוואלטונג אדורכ-פיהרען די אקציע, ערקלערט ה' ערע-ליכס אז די אקציע זאל דער ראט אליין אדורכפיהרען און די פערוואל-טונג ווערט זיך פערנעמען מיט דער טראדיציאנעלער פסח-אקציע.

דאס דאזיגע וועלען אבווארפען זיך, ווי אויך דער נישט אנשטענדיגער ענ-טפער פון ה' שפערלינג צום ראט, רופען ארויס א געוויסע פערביטערונג צווישען די ראטמענער. ר. פעדערמאן האלט א ליידענשאפטליכע רעדע און קלאפט אין טיש אריין, אויך ר. זיל-בערבערג מארעלט שטארק די גרינג-שעצונג מצד די פערוואלטונגס - מיט-גלידער צום ראט.

ה' גאלדשטיין ענטפערט אב אויך אין א זעהר שארפער פארם, און די געמיטער ווערען שטארק צוהיצט, אבער לבסוף ערקלערט פרעזעס גאל-דשטיין אז ער קען נישט זיין פער-אנטווארטליך פאר דעם וואס עס זאגט א מיטגליד אין זיין פריוואטען נאמען, ער לעגט פאר אז דער ראט מיט דער גאנצער פערוואלטונג זאלען בילדען איין רעטונגס-קאמיטעט, וועלכער זאל זיך דינסטאג אין אווענד צוזאמענקומען און אנהויבען זיין טעטיג-קייט.

דער דאזיגער פארשלאג ווערט איינ-שטימיג אנגענומען, און מיט דעם ווערט די זונטאג'דיגע זיצונג געשלאס-סען, ביי א אויפגערעגטע שטימונג צווישען דעם ראט און די פערוואלטונג.

די צווייטע זיצונג.

דינסטאג אווענד איז פארגעקומען א געמיינזאמע זיצונג פון די מיט-גלידער פון ראט מיט דער פערוואל-טונג אונטער'ן פארזיץ פון רב הרב ר' נחום אש שליט"א.

דער רב עפענט די זיצונג מיט א זעהר שעהנע רעדע אין וועלכער ער רופט די מיטגלידער פונ'ם ראט און דער פערוואלטונג צו געמיינזאמער פרידליכער ארבייט איבערהויפט איצט ביי דעם שאפען די נויטיגע רעטונגס-מיטלען, און ער פערלאנגט אז די פערזאמעלטע זאלען זיך ארויסזאגען וועלכע פלענער עס קענען אנגענומען ווערען צו זאמלען די נויטיגע סומעס.

ה' חיינשטאק פערלאנגט אז עס זאל ווערען פעסטגעשטעלט צי די גמינע נעמט אונטער די רעטונגס-אקציע אבער עס ווערט געשאפען א פריוואטער קאמיטעט מיט'ן אנטייל פון דער גמינע.

נאך געוויסע ויכוחים ווערט אנגע-נומען אז די אקציע מוז אדורכגעפיהרט ווערען נאר דורך דער גמינע וועלכע האט אין נויטיגע פאלען צו קאאפטי-רען צו דער ארבעט די פאסענדע מענ-שען.

עס ווערען אויפגעגעבען פערשידע-נע פלענער. ה' זילבערבערג האלט אז דאס יאהר זאל מען נעמען קמחא פון מעהל, און דאס קען ברענגען א געוויסע הכנסה, ה' חיינשטאק שלאגט פאר אז עס זאלען געשאפען הויז-קאמיטעטען וואס זאלען נעמען פון די לאקאטארען האבענטליכע התחייבות. ה' וועקסלער לעגט פאר צו זאמלען גרעסערע סומעס התחייבות וואס זא-לען גענומען ווערען אויך אין א מאל וועקסלען, און בעזונדער זאלען פער-הויכערט ווערען די פלענער צו הע-כערן די שחיטת-עופות, און צו נעמען קמחא פון מעהל. ווייל אלץ וואס נאר מען קען דארף מען אויסנוצען צו דער דאזיגער אקציע.

די גאנצע צייט בעמערקט זיך אבער אז די פערוואלטונגס-מיטגלידער זיצען שטיל און נעמען נישט קיין אנטייל אין די אלע ויכוחים, אזוי ווי דאס וואלט געהען א אנגעשטויסענע זאך, צוליעב וואס ה' זילבערבערג פער-לאנגט אז דער רב-פארזיצענדער זאל זיי פרעגען זייער שטעלונג וועגען דער גאנצער אקציע.

עס שאפט זיך ווידער צו א געהייסע פערדרוסליכע אטמאספערע, אבער ענ-דליך נעמט דער פרעזעס ה' גאלד-שטיין דאס ווארט און האלט א לענ-גערע רעדע פון וועלכער דער אינ-האלט איז אז די פערוואלטונג וויל נישט טראגען אויף זיך אליין די פער-אנטווארטליכקייט פונ'ם אדורכפיהרען די דאזיגע גרויסע אקציע, זי קען דעריבער נישט אקצעפטירען צו בליי-בען אלס עקזעקוטיווע פון רעטונגס-קאמיטעט אזוי ווי ס'איז פריהער פרא-יעקטירט געווארען.

אין רעזולטאט פון דער דאזיגער ערקלערונג ווערט אנגענומען דער פאר-שלאג פון ה' פאגעל צו וועהלען א עקזעקוטיווע פון 12 פערזאן 6 פון ראט און 6 פון דער פערוואלטונג און בעת די וואהלען ווערען געוועהלט די ה"ה: גאלדשטיין, וועקסלער, קאבלינג, פאגעל, זילבערבערג, ערעליכס, ווערונ-קער, פיאטרקאווסקי, מינדריטש, חיינ-שטאק, שפערלינג און גראנעק.

נאכדעם ווי עס ווערט בעשלאסען אז די עקזעקוטיווע זאל זיך אויף צו מארגענס צוזאמענקומען און אנהויבען איהר טעטיגקייט, ווערט די זיצונג גע-שלאסען.

דאס לעבען אין טשענסטאכאוו.

פון רעטונגס-קאמיטעט פאר הונגעריגע.

דער רעטונגס - קאמיטעט פון דער גמינע בעט אלע היגע איינוואוינער וואס האבען נאכנישט איינגעצאהלט דאס פיש - געלד אז זיי זאלען דאס איינצאהלען אין דער גמינע - קאנצעלאריע אין זיי זאלען נישט זיין אויסגעשלאסען פונ'ם גאנצען כלל פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, וועלכער האט דעם ראווינען פיש-אפצאהל גאנץ גערן אריינגעטראגען און מען רעכענט אז דאס וועט ברענגען א געוויסע סומע וועלכע וועט דינען אלס יסוד פון דער דאזיגער גרויסער אקציע.

נעכטען אוונט האט די עקזעקוטיווע פון רעטונגס-קאמיטעט אבגעהאלטען א בעראטונג אין לאקאל פון ה׳ גען רב שליט״א און עס איז בעשלאסען געווארען צו צוציהען צו דער ארבייט די וויכטיגע ראטמענער פון שטאדט-ראט און אויך אנדערע איינפלוסרייכע פערזאנען, וועלכע וועלען גערופען ווערען שבת-צו-נאכט'ס אויף א זיצונג צוזאמען מיט'ן גאנצען פלענום פון קהלה-ראט און דער פערוואלטונג וועלכע בילדען גלייכצייטיג דעם פלענום פון רעטונגס-קאמיטעט.

פון דינסטאג אן זאלען ארויסגעשיקט ווערען אין דער שטאדט פארלעך פון אנגעזעהענע היגע בעלי-בתים וועלכע זאלען אנהויבען צו זאמלען גרעסערע נדבות צו דעם צוועק און ס'איז געוויס צו האפען אז די היגע יודען וועלען פערשטעהן זייער אויפגאבע און וועלען מיטהעלפען אז די נויטיגע אקציע זאל האבען דעם ריכטיגען ערפאלג און זאל קענען ערפילען איהר אויפגאבע לגבי אונזערע הונגעריגע ברידער און שוועסטער.

דער פינאנסיעלער קריזיס אין יודישען גימנאזיום.

די איצטיגע קריטישע לאגע פון די היגע יודישע איינוואוינער האט זיך אבגערופען אויפ'ן יודישען גימנאזיום וועלכעס געפינט זיך אין א קריטישען געלד מאנגעל.

מיר וועלען נאך ווידמען דער דאזיגער פראגע א בעזונדערען פלאץ אנצווייזען ווי וויכטיג די היגע יודישע בעפעלקערונג דארף אונטערשטיצען דעם דאזיגען איינציגען קולטורעלען לעהר-אנשטאלט אין אונזער שטאדט, דערווייל ווילען מיר זיך בעגנוגען מיט דעם וואס מיר מאכען אויפמערקזאם אויף דעם אויפרוף וואס איז געדרוקט אין היינטיגען נומער אין וועלכער די פערוואלטונג בעט די היגע יודען אז זיי זאלען זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער פון די גימנאזיעס און צאהלען א געוויסען מאנאטליכען בייטראג.

מיר גלויבען אז עס וועט זיך געפונען צווישען די היגע יודישע איינוואוינער א גרויסע צאהל וואס וועלען האבען די נויטיגע פערשטענדניס פאר דער זאך און וועלען זיך פערשרייבען אלס מיטגלידער פון גימנאזיעס כדי צו געבען איהר די מעגליכקייט צו קענען ווייטער פיהרען איהר קולטור-ארבייט אין אונזער שטאדט.

ענדערונגען אין סטאראסטווא.

אויפ'ן גרונד פון א דעקרעט פון אינערן - מיניסטעריום איז דער ביז-איצטיגער פערטרעטער פון היגען סטאראסטא ה׳ דונין-באָרקאָווסקי איבערגעטראגען געוואָרען אויף אנ'ענליכען אמט אין דער סטאראסטווא אין ראדאם.

דאנעבען דער ביז-איצטיגער דאָרטיגער פערטרעטער ה׳ פראנטשישעק בזאסקעוויטש איז בעשטימט געוואָרען אלס פערטרעטער פון היגען סטאראסטא.

דעלעגאטען פון קרן היסוד אין טשענסטאכאוו.

זייט איינינגע טעג וויילט אין אונזער שטאדט א דעלעגאציע פון דירעקטאריום פון ,קרן-היסוד' אין פערזאן די ח״ה: מ. גראף. וועלכער האט פאראיהרען ארומגעפיהרט די אקציע פון קה״י ביי אונז, מ. פינקעלשטיין און המטיף י. י. דינעס.

דער לעצטער האט אין א רייהע שיהלען גערעדט אויף פערשידענע פעסטעס, רופענדיג צו אקטיווער ארבייט לטובת א״י-ישראל.

די דעלעגאציע האט אבגעהאלטען קאנפערענצען און זיצונגען מיט די היגע עסקנים, וועלכע נישט קוקענדיג אויף דעם הערשענדען עקאנאמישען קריזיס האבען זיך ווארים אבגערופען מיט זייער גרייטקייט צו העלפען דער דעלעגאציע אין דער יעצט פארגענומענער אקציע לטובת קרן היסוד, אז זי האבען ערפאלג.

היינט אין אוונד 8 אזייגער וועט אין דער אלטער שוהל רעדען דער בעקאנטער מטיף הרב יצחק יעקב דינעס א. ד. ט. ,די לאגע פון יודען אין גלות און זייער צוקונפט אין ארץ-ישראל", און מארגען שבת 2 אזייגער נאכמיטאג וועלען רעפערירען די ח״ה: מ. פינקעלשטיין א. ד. ט. ,דאס איצטיגע ארץ - ישראל". און מ. גראף: ,דאס ארבייטענדע ארץ - ישראל אין ליכט פון תלמוד".

ווען רעסטאראציעס מעגען אפען זיין.

די קעלצער וואיעוואדסטווא האט בעשטעטיגט דעם בעשלוס פון דער מוניציפאליטעטס-מאכט וועגען רעגולירען די צייט פון עפנען און צומאכען די רעסטאראציעס אין טשענסטאכאוו.

לויט דעם דאזיגען בעשלוס וועלען די רעסטאראציעס פון 1-טער קאטעגאריע מעגען אפען זיין פון 9 פריה ביז 1 ביינאכט, און פון דער צווייטער קאטעגאריע פון 7 פריה ביז 11 אוונד.

מיליטערישע פיהרער אין טשענסטאכאוו.

די וואך האבען געוויילט אין טשענסטאכאוו איינינגע אנגעזעהענע פיהרער פון מיליטער, דארונטער דער אינספעקטאר פון דער 4-טער ארמעע גענעראל שעפטיצקי און דער לייטער פון דער לאדזשער ד. א. ק. גען. יאנג. דער בעזוך פון די דערמאהנטע פיהרער שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די טאקטישע און פראקטישע איבונגען וועלכע ווערען איצט אין אונזער שטאדט דורך דעם מיליטער אדורכגעפיהרט. מיט די דאזיגע איבונגען פיהרט אן פערזענליך גענעראל יאנג. די איבונגען קומען פאר אויף דער טאפע פאר די לייטער פון די ארמיי מיליטער-אבטיילונגען און די שטאב - אפיצירען.

דער נייער מאגיסטראט.

מאנטאג איז פארגעקומען די ערשטע ארגאניזאציאנס - זיצונג פון ניי-אויסגעוועהלטען מאגיסטראט.

אין דער זיצונג האבען זיך בעטייליגט דער פרעזידענט ד״ר מארשעווסקי, וויצע-פרעזידענט דזיובא און אלע לאווניקעס. אויף דער זיצונג איז אויך אנוועזענד געווען דער פרעזעס פון שטאדט-ראט ה׳ בוגייסקי.

לויט די אנגענומענע בעשלוסען פון דער דאזיגער זיצונג וועט דער נייער מאגיסטראט ארגאניזירט זיין אויף פאלגענדען אופן:

ה׳ דזיובא בלייבט צולוב זיין בעשעפטיגונג אויפ'ן פראנצויזישען געביעט וויצע-פרעזידענט אהן בעשטענדיגער בעלוינונג, נאר פאר יעדע זיצונג בעזונדער. אלס בעשטענדיגע לאווניקעס זענען בעשטימט געווארען די ח״ח יוזעף קאזשמירטשאק (פפ״ס) ווירטשאפטס-אבטיילונג, אנטאני קערמאס (פפ״ס) אבטיילונג פון געזעלש. אויפזיכט, און דאראפלאך שענסקי (נ. ד.) פינאנס-אבטיילונג.

די איבריגע צוויי לאווניקעס מ. פענדלבוים און הייענצלאווסקי וועלען בעקומען געהאלט נור פאר דער צייט, וואס זיי וועלען זיין אנוועזענד אויף זיצונגען פון מאגיסטראט.

דער נייער מאגיסטראט הויבט אן זיין טעטיגקייט דעם 1 מערץ.

בעקאנטמאכונג.

פרייטאג-צו-נאכטס, דעם 26 פעברואר פונקטליך 8 א זייגער אוונט וועט אין דער אלטער שוהל רעדען דער בעוואוסטער מטיף

הרב יצחק יעקב דינעס

א. ד. ט. **„די לאגע פון יודען אין גלות און זייער צוקונפט אין ארץ-ישראל".**

שבת פ׳ תצוה (27|2) פונקטליך 2 א זייגער נאכמיטאג וועלען רעפערירען

אין דער נייער סינאגאגע:

ה׳ **מ. פינקעלשטיין** (וועלכער איז נישט לאנג צוריקגעקומען פון ארץ-ישראל)

א. ד. ט. **„דאס יעצטיגע ארץ-ישראל".**

ה׳ **מ. גראף** און **הרב י. י. דינעס**

א. ד. ט. **„דאס ארבייטענדע ארץ-ישראל אין ליכט פון תלמוד".**

קומט מאסענווייז!!

די שטאדט - ראט - זיצונג.

ווי מיר הערען נעהויר האט די ערשטע זיצונג נאך דער ערעפנונג פון שטאדט - ראט פארגעקומען ערשט סוף וואך, דאס שטעהט אין צוזאמענהאנג דערמיט וואס דער מאגיסטראט טרעט צו צו זיין טעטיגקייט ערשט דעם 1-טען ק. ח.

אויף דער דאזיגער זיצונג וועלען די פערשידענע פראקציעס ארויסטרעטען מיט זייערע דעקלאראציעס אין צוזאמענהאנג מיט זייער שטעלונג צו דער שטאדטישער פאליטיק.

גלייכצייטיג הערען מיר נעהויר אז די כיענע ראטמענער האבען איבערגעשיקט צו דער וואיעוואדסטווא אנ׳ אנקלאגע געגען די וואהלען פון דעם וויצע-פרעזידענט ה׳ דזיובא. דער פראטעסט איז אונטערגעשריבען פון די 18 כיענע ראטמענער.

דער פראטעסט וועט אין קירצען בעטראכט און ערלעדיגט ווערען דורך דעם פרעזידיום פון דער וואיעוואדסטווא.

פורים - דאנסינג.

דער טורן - און ספארט - פעראיין ארדענט איין זונטאג פורים, א גרויסען פורים - דאנסינג, מיט פיעל אטראקציעס און טענץ ביז טאג.

דער שטאדט-חזן ר׳ זיסקינד ראזענטהאל ז״ל.

דינסטאג איז געשטארבען אין אונזער שטאדט דער היגער שטאדט - חזן פון דער אלטער שוהל ר׳ אלעקסאנדער זיסקינד ראזענטהאל ז״ל אין עלטער פון 76 יאהר.

דער נפטר איז געווען איינער פון די בעסטע יודישע חזנים, און האט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין ספעציעלער יודישער נגינה אין דאווענען. פריהער איז ער געווען חזן אין פלאצק, טורעק און קאנין, און די לעצטע 33 יאהר האט ער פערנומען דעם אמט אלס חזן אין דער היגער שטאדט-שוהל.

זינט א געוויסער צייט האט ער געליטען אויף א שווערע קראנקהייט וועלכע האט איהם לעצטענס פערשאפט זעהר גרעסערע יסורים, און דינסטאג איז ער געשטארבען.

אין זיין לויה וואס איז פארגעקומען מיטוואך האבען זיך בעטייליגט מענשען פון אלע שיכטען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט דעם רב און די מיטגלידער פון קהלה-ראט און דער פערוואלטונג.

מען האט דעם נפטר אריינגעטראגען אין דער שטאדט שוהל וואו דער רב האט איהם הארים מספיד געווען, און דער קאנטאר ה׳ פישעל מיט זיין כאר און דער כאר פון דער אלטער שוהל האבען געזונגען עטליכע טרויער-מזמורים, און פון דא'ט האט איהם א גרויסער עולם מלוה געווען אויפ'ן בית-עלמין.

פאר'ן קבר האט דער פרעזעס פון דער היגער יודישער קהלה ה׳ גאלדשטיין איהם נאכגעזאגט עטליכע ווארימע ווערטער אין העברעאיש, אז ער האט ערפילט זיין פליכט באמונה און האט אבגעהיטען זיין זאך בשלימות.

דאס איז געווען א אמת'ער טיפ פון א יודישען חזן פון אלטען דור, וועלכע עס וואקסען שוין היינט מעהר נישט.

ת. נ. צ. ב. ה.

די לעצטע טעג פון די פראנצויזישע ענטשיידונג'ס רינג-קאמפען אין צירק ציניזעלי.

עס איז א היסטאריש - בעוואוסטע זאך אז די פאלקס-מאסען ליבען אם-שטארקסטען זייערע גבורים צו פערגעטערונג פאלקס - העלדען. היינט דריקט עס זיך אויס אין דער ספארט-בעוועגונג, און די בעוועגונג ווירקט מאקסימאל רעאקציאנער אויף די געפיהלען פון די פאלקס-מאסען, אלס איבערצייגענדער ביישפיל קען דינען די צירק-ארענע. לעצטענ'ס ווערט דער צירק אויסגעפילט מיט צושויער ביז'ן לעצטען פלאץ און די ריזען ווערבירען פאר זיך צווישען זיי סימפאטיקער און אנהענגער, וועלכע הויבען זיך צוזאמען מיט זייערע העלדען-סימפאטיקער ביז צום טריומפירען און פאלען מיט זיי ביז'ן אבגרונד אין פאל פון א מפלה. די געלעגענהייט דאס פעסטצושטעלען האבען מיר געהאט בעת די קאמפען די וואך צווישען פינעצקי—ווילדמאן, פינעצקי—קארש, ווילדמאן—שטעקער א. א. וו. די אלע מעסטערען ווערען דורך די צושויער - מאסע פאפולאריזירט פאר זייערע סימפאטיקער אין קאמף געגען זייערע געגנער, ווערען פערלאכט און פערשריגען, ווען די לעצטע הענגען די זעלבע מעסטערען אן געגען זייערע געגנער ר. ה. די ליבלינגער פון די מאסען.

די וואך ווען די אנהענגער פון פינעצקי'ן האבען געהאט צו פערצייכנען פאר איהם א גאנצע רייהע זיגען, האבען זיי אבער אויך געמוזט פערצייכענען א מפלה בעת דעם קאמף מיט קארשן, וועלכער האט איהם געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען א האלב-טויטער האלטענדיג איהם 16 מינוט אונטער דעם בעוואוסטען דאפעלטען-נעלסאן (פינעצקי-טעסארע). עס מוז אבער געזאגט ווערען אז אזא לאנגע צייט אויסהאלטען אונטער אזו מארטורע ווי דאס איז דער דאפעל - נעלסאן איז א איבערמענשליכע קראפט וואס ביז איצט האט דאס נאך קיין איינער נישט בעוויזען. עס איז קיין וואונדער נישט וואס עס האבען זיך דעריבער באלד געפאדערט איינינגע פון זיינע אנהענגער, וועלכע האבען אנגעלעגט 200 זל. אז קארש זאל איהם געבען א רעוואנש, וואס איז גלייך בעשטימט געווארען אויף היינט פרייטאג. מיר קענען פאראויסזאגען אז אין צירק צווישען פובליקום וועט הערשען א אלגעמיינע נערוועזיטעט און אנגעצויגענער שטימונג, איבערהויפט קומען שוין איצט פאר די פינאל קאמפען ווייל עס ווערען שוין די לעצטע 3 טעג פאר'ן צוטיילען די אויסצייכנונגען.

ס. ע.

וויכטיג פאר קליינהענדלער!

דער קליינהענדלער - פעראיין ערטיילט מעדיצינישע הילף זיינע מיטגלידער ביים דאקטאר בראניאטאווסקי פאבריטשנא נר. 5. א וויזיט ביים דאקטאר 1 זל. און ביי זיך אינדערהיים 2 זלאטעס.

מעדיצינען אין דער אפטייק אלטער מארק פאר די מיטגלידער פון קליינהענדלער-פעראיין **מיט 30 פראצענט ביליגער.**

אין דער נאהנטסטער צייט וועלען זיין אנגאזשירט אויך אנדערע דאקטוירים און דענטיסטען.

ווער פון די מיטגלידער עס וויל בעקומען מעדיצינישע הילף דארף זיך ווענדען אין סעקרעטאריאט פון פעראיין טעגליך פון 7—9 אוועגד וואו ער בעקומט א צעטיל צום דאקטאר.

עס איז געעפענט געווארען א **ביבליאטעק און לעזע - זאל** פאר די מיטגלידער וועלכער איז פערזעהען מיט יודישע רעליגיעזע ספרים, און ביכער אין דער יודישער שפראך אין דער צאהל פון עטליכע הונדערט.

די ביבליאטעק איז אפען יעדען זונטאג, דינסטאג און דאנערשטאג פון 8 — 9 אוועגד.

דער לעזע-זאל איז פערזעהען מיט אלע יודישע צייטונגען.

„קרן קימת לישראל".

דין וחשבון פאר חדש שבט.

הכנסות:

פון די „חמשה-עשר-בשבט"-אקציע	273,25
פון די פושקעס-אויסלעדיגונג — —	567,75
פערשידענע הכנסות — — — —	19.28
ס"ה	860.28

די גרעסטע סומעס זענען געפונען געווארען אין די פושקעס ביי די ח"ה:

אמיאס חיען אלעע 41 — — —	30.—
י. טשענסטעכאחסקי אלעע 41 —	11.75
יארקאווינא, מנין אלעע 36 —	10.—
מ. הערץ אלעע 5 — —	6.25
ל. נעוואק סטראושאצקא 12 —	6.—
ל. לענדוי, אגראדאווא 15 — —	3.75
י. שלעזינגער ווארשאווער 33 —	3,75
ב. פיגלעוויטש וויעלונסקא 34 —	3.50
פראנק נייער מארק 6 — —	3.50
מ. וולאדאווסקי נייער מארק 15 —	3.50
ש. גאלדשטיין אגראדאווא 19 —	3.—
מרענגער ספאדעק 3 — —	3.—
נתן גערינכטער ספאדעק 13 —	3.—
מ. שטשופאק פרעמסא 1 —	3.—
השומר הצעיר — — —	3.—
א. ענועל ווארשאווער 9 —	3.—
פ. פיטעלמאן ווארשאווער 6 —	3.—

צירק ציניזעלי

3 אלעע 75.

די לעצטע 3 טעג פון טורנעע פון די פראנצויזישע רינג-קאמפען ווענען אנ׳ אויסצייכנונג פון 5000 זל.

היינט, פרייטאג קעמפען:

טאמסאָן—בּרילא
שאמפיאן אינדיע. שאמפיאן אייראפא.

ענטשיידונגס-קאמף פון 2 וועלט - שאמפ.

ווילדמאן—קאוואן
יוד. וועלט-שאמפ. — דעטשער וועלט-שאמפ.

רעוואנש-קאמף ביז א רעזולטאט

פינעצקי—קארש
פוילישער אלבושים—הערקולעס פון גור-הארצו

מיטוואך בעת דעם ענטשיידונגס-קאמף האט קארש געהאלטען פינעצקין 16 מינוט אונטערן דאפעלטען נעלסאן און פינעצקי האט זיך געמוזט אונטערגעבען. קומענדיג צו זיך האט ער געפאדערט א רעוואנש, אויף וואס איינינגע זיינע אנהענגער האבען אנגעלעגט אויסער די געוועהנליכע פרעמיע פון 100 זל. נאך 200 זל.

ווער וועט זיגער זיין?

פאר די וואלקעס

א צירק - פארשטעלונג

מיט'ן אנטייל פון גאנצען צירק - פערסאנאל.

שבת און זונטאג די לעצטע 2 טעג

דעציידירענד, נישט-אבריפליך.

איינצעלהייטען אין די אפישען. אנפאנג פון דער פארשטעלונג 8 אוועגד, פון די וואלקעס האלב 10.

נדבות אין רעדאקציע פאר ,בית לחם'.

ד. זילבערשטיין 5 זל., ש. קופער 3 זל. ס. איידעלמאן, 3 זל. ש. קלין 2 זל.

„פאר לינת הצדק".

צ. ק. ס. ,,ווארטא" אויפ'ן נאמען פון יאקוב האכערמאן 8 זל.

די פסח-אקציע פון „בית לחם“.

דער „בית לחם“ אין אונזער שטאדט שטעהט הײַנטער אויף דער חשך צו ערפילען זײַן אויפגאבע און די גרויסע שװעריגקײַטען וואס ער טרעפט אין צוליעב דער שלעכטער צײַט, האלטען איהם נישט אָב פון זײַן טעטיגקײַט.

ער האט אדורכגעפיהרט הײַנטער א קויהלען און קארטאפעל אקציע און איצט גרײט ער צו אדורכצופיהרען א פסח-אקציע אזוי ווי ער טהוט דאס יעדעס יאהר.

די ארבײַט פון בית לחם איז איצט דאפעלט בעשווערט ווײַל עס האבען זיך פערקלענערט די געבער און פער-גרעסערט די נעמער, דאריבער איז דאס דער הײַליגסטער פליכט פון דער הינער יודישער בעפעלקערונג אונטערצושטיצען די פסח-אקציע און די וועלכער וועט דער בית-לחם וועט פרוישיקען אין אלע יודישע שטיבען זאלען צונעמען וועלען בספר-פנים יפות און יעדער זאל ווי געבען אזעלכע נדבות וואס ווענען צונעמאסט צו דעם גרויסען צוועק.

נדבות פאר'ן „בית לחם“ ווערען אויך אנגענומען אין רעדאקציע געגען ספעציעלע קוויטונגען.

דער ערשטער קאָנצערט פון דעם כאָר ביי דער „לירא“.

דער כאָר וועלכער טרעט אויפטרעטען טרויס פאר די אינע ליבהאבער פון מוזיק און יודישען פאלקס-ליד, איז דעם הינען יודישען פובליקום גוט בעקאנט און בעליבט נאך פון זײַנע פריהערדיגע ארויסטריטען, מיט וועלכע ער פלעגט יעדעס מאהל פערשאפען די אנוועזענדע א נ'אמת גײַסטיגען גענוס.

נאך א קורצע הפסקה, נאכ'ן גע-זאמינען די הויפטינגסטע שוועריגקײַטען און נאכ'ן ארויפהיבען די גוטינגע אָנ-שטרענגונג פון אײַנינע מיטגלידער פון דער „לירא“ איז דער כאָר אויפ-סנײַ ארגאניזירט געווארען און אויף מארגען טראגט ער צו דעם הינען פובליקום די פרוכטען פון זײַן לעצ-טער ארבײַט.

עס ווענען אײַנשטודירט געווארען הײַדענ'ס „בריאת עולם“, וועלכע שטעלט פאר מיט זיך א גענוג קאָמ-פליצירט ווערק אין טעכניש-מוזיקא-לישען זין און א פראכטפולע שאפונג פון קלאסישע מעלאָדיען און געזאנג.

אויסער דעם וועלען געגעבען ווערען אײַניגע נײַ-אײַנגעשטודירטע פאלקס-לי-דער ווי אויך אײַניגע נומערן פיאנא.

דער קאָנצערט זאגט דעריבער צו צו שטעהען אויף דער וועלכער הויך וואס די פריהעריגע קאָנצערטען פון געמישטען כאָר און דעם פובליקום וועט ער דעריבער געבען דאס וואס מען ערווארט פון איהם.

דעריבער איז נעהאונשען א וואס גרעסערער ערפאלג — און א צאהל-רײַכער בעזוך פון דער הינער יודי-שער געזעלשאפט, וועלכע וועט נעהמען פערשטעהן זײַער אויפגאבע און ווי נעהערינ אזעלכע אונטערנעהמונגען אונטערשטיצען.

פון דער טעע-האלע.

די טעע-האלע, וועלכע דער יודי-שער קאָמיטעט פאר הונגעריגע און ארבײַטסלאזע האט געעפענט אויף דער נארנצארסקא נר. 19, ברענגט גרויסע ניצען דער גוטבעדערפטיגער יודישער בעפעלקערונג. אלס בעווײַז קען דיענען דאס, וואס טאג - טעגליך ווערען ארויסגעגעבען אַנ'ערך 400 פארציעס, וועלכע בעשטעהען פון א גרויס שטיק ברויט מ'ס א גלאז ווײַסען טעע. דער פרײַז פון אזא פארציע איז נאר 5 גראשען.

כדי אויך צו הילף צו קומען די גוטבעדערפטיגע אויף שבת, איז בע-שלאסען געווארען, אז יעדען שבת וועלען אזעלכע פארציעס טרויסגעגע-בען ווערען פאר) דער בעפעלקערונג אויף צו נעמען אהײַם. יעדער, וואס בעקומט די ראזינע פארציעס וועט זײַ אלוא קענען עסען בײַ זיין אײַגע-נעם טיש.

דער קאָמיטעט בעט אונז דעריבער אויסצודרוקען צו מעבען, אז כדי אָב-צונעמען די פארציעס, מוז מען מיט-נעמען א געהעריגע כלי אויפ'ן טעע און מען מוז פרײַטאג אויסקויפען דע-רויף די נעהעריגע קוויטלעך.

די שבת'דיגע פארציעס ווערען טרויסגעגעבען פון 9 אינדערפריה ביז 1 מיטאג.

די אלגעמײַנע פערזאמלונג פון „גמילת חסד“.

אויף דער ווערליפער אלגעמײַנער פער-זאמלונג פון דער נײַ. „גמילת חסד“ וואס איז פערגעקומען דעם 14 ד. ח. איז געװעהלט געווארען פאלגענדע פער-וואלטונג: פריזעס: ה. גאָסטינסקי, ויצע: ד"ר גרעניץ און ל. גנענדעלמאן, סעקרעטאר: א. פראָסקיראווסקי, פער-טרעטער ר. טורנער, קאסירער: י. ל. שאַוואלי, פערטרעטער י. וואהרטונגר, הירשקאָפטער ב. פטאַ-ני און ש. פראנקפורט, אין קאָמיטעט צו געבען הלואות נעהמען אויך טהײַל די ה"ה יוסף סילמאן און ה' לעהין.

אין רעוויזיאנס - קאָמיסיע די ה'ה סט. הערץ, ר. ראָבראזינסקי און ב. פאַ-טאשעהיטש.

פאַהן - פײַערונג בײַ „התאחדות“ אין פורים.

זונטאג, פורים, האלב 11 אזײַגער פריה ווערט אין די ציוניסטישע ארבײַטס - פארטײַ „התאחדות“ אין טשענסטאכאוו, אין לאָקאל פון די קאנגעלישע יוגענד (אלעע 14) א פאָהן-פײַערונג פון איהר יוגענד-ארגא-ניזאציע „גורדוניה“, אין וועלכער ס'וע-לען אנטהײַל נעמען ד"ר מארלא פון ווארשא און פרעס. ריגער פון לאָדז.

אויף דער נאכט קומט פאר א גראנ-דיעזער באנקעט, וואו א חוץ דעם ליטערארישען טהײַל וועט אויך זײַן ארקעסטער, מוזיק און טענץ, וואס וועלען פערשאפען די געסט א אמת'ן פערגניגען.

פון „עזרה“.

דער הינער פרויען-פערײַן „עזרה“ האט אויסער איהר רעגעלמעסיגער פערוואלטונג, בעזונדערע פערמעלם אויף פורים צוגעשטעלט די בכבוד'ע פערשירע-נע פראָדוקטען און לאָבוננען.

פון קלײַנהענדלער - פערײַן.

צוליעב דעם הערשענדען קריזיס וואס ריהרט אָן מעהרפאכענס די קלײַנ-הענדלער, האט די פערוואלטונג פון קלײַנהענדלער - פערײַן אײַנגעפערדענט דאס געבען איהרע מיטגלידער מעדי-ציגישע הילף פאר א מיניפאלען צא-צאהל, פון 1 זלאָטי פון א וויזיט בײַם דאקטאר, און 2 זל. פאר רופען דעם דאקטאר אהײַם, און מעדיצינען מיט 30 פראצ. בילינער.

פערלויפיג האבען זיך אנגאזשירט צו דעם צוועק דעם ד"ר בראָניאטאָוו-סקי אבריעטשנא 5, אָבער זײַ אונטער-האנדלען נ"ך מיט אנדערע דאָקטוירים און דענטיסטען כדי די אקציע צו פער-ברײַטערן.

דער קלײַנהענדלער - פערײַן האט אויך געעפענט א ביבליאָטעק און א לעזע-זאל פאר זײַנע מיטגלידער, אין וועלכער ס'געפונען זיך יודישע ביכער ווי אויך פיעל העברעאישע רע-ליגיעזע ספרים, די ביבליא-טעק איז אָפען 3 מאל אין דער וואָך.

א קינדער-פאָרשטעלונג.

שבת דעם 27-טען ד. ח. 10 אין דער פריה קומט פאר אין טעאטער „נאָוואָטשטשי“ א קינדער-פאָרשטעלונג פון די קינדער פון די ארבײַטער-קינ-דערהײַמען און פאָלקשולען אויפ'ן נא-מען פון י. ל. פרץ. עס וועט אויסגע-פיהרט ווערען א פרעכטיגע קינדער-טעאטער אין 3 אקטען א. נ. „פריה-לינגס-בעפרײַאונג“ און עס וועט ארויס-טרעטען מיט אײַניגע נומערן דער קינדער-כאָר פון דער פאָלקשול. חוץ דעם וועלען די קינדער אויפפיהרען אויף דער בינהנע ריטמישע איבונגען, טענץ, אינסצעניזאציעס און דעקלא-מאציעס, יודישע און פוילישע.

די פאָרשטעלונג זאגט צו זײַן זעהר אינטערעסאנט פאר די גרויסע און א גרויסע פרײַד פאר די קלײַנע.

כשר לפסח

די לאָרזער פלאַנצען-פוטער-פאבריק
(לאָדז, ניעצאלא 12) טעלעפאן 47-01
מעלט בעקאנט איהרע געעהרטע קונדשאפט אז זי ארבײַט שוין מיט כשר לפסח אונטער דער השגחה פון ראבינאט דפה איהרע

פלאַנצען-פוטער
„צעטאגאָל“ (CETAGOL) הארטער סארט
„סאגאָל“ (SAGOL) ווײַכער סארט

וועלכע ווענען איבעראל בעקאנט אלס דאס בעסטע און פעטסטע נאהרונגס-מיטעל. אלע סוחרים ווערען געבעטען וואס פריהער צו בעשטעלען אונזער פלאנצען - פוטער כדי צו קענען צו דער צײַט אויספיהרען די בעשטעלונגען.

רעזט אויפמערקזאם!

צו וואס זאלט איהר געהן אין די מאגאזינען און האבען פאר אײַער געלד טאנדײַט - ארבײַט פון וואס איהר זענט דערנאך נישט צו-פרידען, ווען איהר קענט קומען צו מיר אלײַן, א פאכמאן, וואו איהר קענט בעשטעלען צום קומענדען זומער-סעזאָן פון אײַגענע אדער אנפערטרויטע סחורות אלערארט הערן-נארדעראָבען ווי אויך דאַמען - בעקלײַדונג צו גאנץ בילינע פרײַזען און אויף זעהר גוטע בעדינגונגען. — רעיעלע בעהאנדלונג.

העפלענטליך זו די געעהרטע קונדשאפט וועט מיר ווײַטער שענקען דעם געהעריגען צוטרוי צײַגענע מיט אכטונג

י. ברזאָסקי, אלעע 4, אין הויף.

ביטע צו בעאבאכטען די שולד.

צוליעב דער בעקינטעהמליכקײַט ווערט געבעטען נישט צו ווארטען אויף דער לעצטער מינוט נאר זיך בעצײַטענס צו פערזארגען מיט די בעשטעלונגען.

(ברזאָסקי, אלעע 4, אין הויף.)

WAŻNE DLA PAŃ!

Jeżeli Pani pragnie mieć zawsze śnieżno białą, świeżą i wonną bieliznę, winna Pani używać wyłącznie:

PERBOROL WENDISCHA jedynie w Polsce najlepszy proszek utleniony do prania.

PERBOROL nie zawiera żadnych szkodl. składników i znakomicie konserwuje bieliznę.

PERBOROL zastępuje mydło, chlorek i sodę. RÓWNOCZEŚNIE PIERZE i BIELI.

PERBOROL przewyższają jakością tego rodzaju wyroby zagraniczne, a jako produkt krajowy, DODATNIO WPŁYWA na NASZ BILANS HANDLOWY.

PERBOROL DAJE PRACĘ NASZEMU ROBOTNIKOWI.

PERBOROL oryginalny tylko z marką ochronną „DZWONNIK“ do nabycia wszędzie.

ZAKŁADY CHEMICZNE
J. M. Wendisch Sukc. Sp. Akc.
w TORUNIU

ארבעטער - קינדערהיים און פאָלקשול
א. נ. י. ל. פרץ און טשענסטאכאוו, קרוטקא 28.

מארגען, שבת, ד. 27-טען פעברואר ד. י.
10 אזײַגער פריה קומט פאר אין טעאטער „נאָוואָשטשי“, אלעע 12.

א קינדער-פאָרשטעלונג.

1) פרילינגס-בעפרײַאונג
א קינדער-אָפערע אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ.
2) אינסצעניזאציעס, געזאנג, דעקלאמאציעס און ריטמישע איבונגען.
בילעטען פון 1—3 זלאָטעס צו בעקומען בײַ דער קאסע.

בעקאנטמאכונג.
דאס לאנג-יעהריגע רענומירטע געשעפט פון שמואל פאלום
ערשטע אלעע 8
עמפפעהלט די געעהרטע קונדשאפט, דאס זי בעזיצט אויפ'ן לאגער א גרויסען אויסוואהל פון זעמטליכע
שנײַדער - צוזאטען
און מאנופאקטור סחורות צו זעהר ביליגע פרײַזען.
איך האָף, דאס די געעהרטע קונדשאפט וועט מיר שענקען דעם צוטרוי און מײַן געשעפט ווי אַנ-שטענדיגען בעזוכען.
מיט אכטונג שמואל פאלום.
אכטונג! פאר שנײַדער ספעציעלען ראבאט.
געדענקט די אדרעס 1 אלעע 3.
(געגרינדעט אין 1895.)

עס ווערט געזוכט א טיכטיגע פערקוי-פערין פון פוטער. איז קאפעלושען-גע-שעפט פון ש. קרויסקאָפף, 1 אלעע 12.

יעדע ווירטין דארף וויסען
אז די מאשמש צו פעדלענעס
„Jaśniej słońca“
גיט צו די פעדלענעס, פעסטקעס און ליינע-לאַכס א שעהנעם און דויערהאפטיגען גלאנץ און בעגוזען זיך מיט בערשטען.
„Jaśniej słońca“
פערטרעט אײַל-פאַ־ב, פארבט הײַסע פעדלע-גען אין פערלויף פון א שעה סויף די מארבען מעכאַניאַנע און טינקעל-ערועכאַנע.
פרובט און איהר וועט זיך איבערצײַגען!
פערקויף אין אלע סקלאד - אפטעקען, און און פארב-געשעפטען.

געשעפטס - אײַנריכטונגען צו פערקויפען.
ערקונדיגען זיך אין וואורשטען-געשעפט פון א. אבראַמאוויטש, 1 אלעע 4.

שויז צו פערדינגען
2 געוועלבער אויף קראָקאָווער און יאטקע - גאס.
ערקונדיגען בײַ שוידערסקי, קראָקאָווער 7.

א קוילען-סקלאד
אין א גוטען פונקט איבערצוגעבען
ערקונדיגען זיך אין אדמיניסטראציע.

געשעפטס-אײַנריכטונגען צו פערקויפען.
י. דזאווידזאָוויטש אלעע 7.

לעצטע טעג!
די געשיכטע פון א מײַדעלשע נשמה!
„IWONKA“
ערמאטישע דראמא אין 10 אקטען מיט א פראלאָג.
אין דער טיטול-ראָלע
יאדוויגא סמאסארסקא
דער אנטײַל פון שוועלעזשערען אין מלחמה-פלאַטץ. — די האנדלונג קומט פאר אין ווארשא, לעמבערג, אויף די קרעסען, גדיניע א"א.

טעאטער „אדעאָן“ אלעע 27.
לעצטער סעאנס האלב 10.
אײַנגעלהײַטען אין די פרעג-ראפען.

קינאָ „נאָוור“ 2 אלעע 43.
קרועלאָ 1 זל.

ביז זונטאג דעם 28 אײַנשליסליך
DOKTÓR JACK
דער ליעבלינג פון פובליקום
הארלד ללאיד
אין זײַן זײַער בעסטער און לעצטער קאָמע-דיע, און א צוויי - אקטיגער פארס.
פרויז מ. דאווים

איבער'ן פראגראם:
אילוסטראציעס פון דער וואָך.

טעאטער נאָוואָשטשי
אלעע 12.

ביז שבת דעם 27 אײַנשליסליך.
אויפ'ן עקראַן
ŁZY MATKI
11 אקטען

איבערן פראגראם
ווישטשינעס מיט שטע-רונגען אין 2 אקטען.

אויף דער סצענע:
ק. נאלענטשובנא און שטשיווארסקי.

Redaktor Izrael PŁOCKER — Wydawca B. BOCIAN — Druk. B. BOCIAN I-sza Aleja № 6.